אפגעברענט. ביאלער'ס פאבריק (זעה זייט 2)

№ 3 Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem. פרייז 20 גראשען Lodzer Tageblat

לאָדזער טאַגעבלאַט

22-סטער יאהרגאנג | 3 stycznia 1929 r | דאנערשטאג, כ"א טבת תרפ"ט | רעדאקציע און אדמיניסטראציע: פיעטריקאווער 36. טעלעפאנען: פון רעדאקציע 57, פון אדמיניסטראציע 47

פוילישע רעגירונג דערהאלטען די נאטע
פון די סאוויעטען וועגען א נישט-אנגרעס'ע פאקט

ו א ר ש א (טעלעפאניש) נעכטען איז אנגעקומען קיין ווארשא די סאוויעטישע נאטע וועגען שליסען א נעגענזייטיגען פאקט פון נישט אגרעסיע.

אין דער נאטע שטעלט די סאוויעט-רעגירונג פעסט, אז די סאוויעטען האבן נאך אין יאהר 1936 זיך געווענדעט צו פוילען מיט אזא נאטע וועגען אנ'אפמאך אבער דאן האט די פוילישע רעגירונג נישט געענטפערט. איצט ווענדעט זיך די סאוויעט-רעגירונג נאכאמאל צו פוילען, ווייל ביידע מלוכות פוילען און סאוויעט-רוסלאנד האבן אונטערגעשריבען דעם קעלאג-פאקט. דער קעלאג-אפמאך איז אבער נישט גענוג, ווייל די מלוכות האבן איהם גארנישט ראטיפיצירט און דעריבער האט ער נישט קיין גרויסען ווערט.

די סאוויעט-רעגירונג לעגט דעריבער פאר פוילען צו שליסען א בעזונדערן נוגאב-פאקט פון נישט-אגרעסיע, וואס וועט פערשטארקען דעם שלום צווישן ביידע מלוכות אין גאנץ מזרח איירופא בכלל.

אין דער נאטע ווערט ערקלערט, אז די סאוויעטען האבן זיך אויך געווענדעט מיט אנ'ענליכען פארשלאג צו ליטא.

אין די פאליטישע קרייזען הערשט די איבערצייגונג, אז די פוילישע רעגירונג וועט האבען געוויסע בעווארעניש צו דער סאוויעטישער נאטע, בעזונדערס דערפאר, וואס די סאוויעטען איילען זיך עפעס צו שטארק דערצו. מען רעכענט, אז פוילען'ס ענטפער וועט זיין א נעגאטיווער.

טשיטשערין אינקאגניטא אין פראנקרייך

פ א ר י ז, (ספ:) דער סאוויעטישער פאלקס-קאמיסאר פאר אויסערן-ענינים טשיטשערין איז אינקאגניטא אנגעקומען קיין קאן.

וועלף אויפ'ן בית-עולם פון סטרי

ס ט ר י (ספ) מאנטאג מיטאג האט מען אויפ'ן סטריער בית-עולם בעמערקט ארומשפאצירען 3 הונגעריגע וועלף. ביינאכט האבען זיך די וועלף ארייגעריסען אין דעם פערד-שטאל פון הערמאן צוקערבערג און צעריסען 2 פערד.

באהן-קאטאסטראפע הינטער מארגאבזשעג

ו א ר ש א. (טעלעפאניש) אונטער מארגאבזשעג איז פארגעקומען א צוזאמענשטויס צווישען צוויי פאסאזשיר-צוגען, וואס זענען געגאנגען אין 2 געגענזייטיגע ריכטונגען. צום גליק איז מען נאר אפגעקומען מיט 16 לייכט-פערוואונדעטע.

צוויי באגאזש-וואגאנען זענען בעשעדיגט געווארען. פון ראדאם איז ארויסגעפאהרען אנ'אויספארשונגס-קאמיסיע צום ארט פון דער קאטאסטראפע.

די פאבריקען אין ביאליסטאק שליסען זיך

ב י א ל י ס ט א ק. (ספ) די טעקסטיל-פאבריקען „זלאטאחאסט" און „מאריץ" האבען זיך געשלאסען. הונדערטער ארבייטער זענען געווארען ארבייטסלאז.

נאך לאנגע און שווערע ליידען איז דינסטאג, דעם ערשטען יאנואר, געשטארבען מיין טייערע פרוי, אונזער הייסגעליבטע מוטער, גרויסמוטער, שוויגערמוטער און שוועסטער

נ"ע רבקה לאנדאו געב. גאלאמב

(בירגערין פון דער שטאט לענטשיץ) אין עלטער פון 60 יאהר.

די לויה קומט פאר היינט דאנערשטאג, 2 א זייגער נאכמיטאג פון טהרה-הויז אויפ'ן יודישען בית-עולם, וועגען וואס עס טיילט מיט אין טיפען צער

די פאמיליע.

אונזער חשוב'ן פערוואלטונגס-מיטגליד ה' ברוך שלאדקאווסקי צוליב'ן טויט פון זיין געליבטער מוטער

נ"ע קיילע

דריקט אויס דעם טיפסטען בייליד
די פערוואלטונג פון קליינהענדלער-פעראיין
אגראדאווא 10.

הנהלות
הגמנסיות
של החברה ליסוד בתי ספר תיכונים עברים בלודז
מודיעות, כי בקשות הכניסה מתקבלות כדלקמן:
בלשכת הגמנסיה הראשונה לנערים. מניסטרצקה 21
בלשכת הגמנסיה השניה לנערים. מניסטרצקה 22
בלשכת הגמנסיה לנערות. פירמוביץ 7
לפני הצהרים בשעות העבודה.
בחינות הכניסה תתחלנה ביום כ"ב טבת ש. ז. (4/1 1928)

ווען איהר געהט אריבער די גאס,
זוכט מיט אפענע אויגען: איהר קענט בלייבען אנ'אייביגער קאליקע, אדער גאר נעפינען דעם טויט.
היט זיך, מען זאל אייך נישט איבערפאהרען.

Dr. med. A. Mazur
ספעציעל-ארצט פאר אויערן, נאז און האלז-קראנק ווי אויך שטום און שפראך-פעהלער
האט זיך איבערגעצויגען אויף
ווסכאדניא 65
איינגאנג אויך דורך פיעטריק. 46) טעל. 66-01

Dr. med. J. LUBICZ
ORTOPEDA
גדאנסקא 28, טעל. 41-46
ספעציאליסט פון ביינער און געלענקע-קראנקהייטען
:—: פערקרימונגען פון פלייצעס און גלידער. :—:
אייגענע פראדוקציע
פון זעמטליכע ארטאפעדישע אפאראטען: ווי וועלאדקען געגען פלאטפוס, קינסטליכע פיס, ארטאפעדישע גארסעטען א. ז. וו. נעמט אן פון 5—7

Dr. Niewiażski
האט זיך איבערגעצויגען
אויף אנדזשעיא 5, טעל. 59-40
נעמט אן פון 8—10 פריה און פון 5—9 אווענד.
ספעציאל-ארצט פאר סיפיליס, טריפער און מענער-שוואכע בעהאנדלונג מיט קווארץ-שטראהלען.
פאר דאמען ספעציעלער ווארטע-זאל.

Dr. med. M. Goldfarb
זאוואדזקא 18. טעלעפאן 52-19
הויט- האר- און געשלעכטס-קראנקהייטען

דאנקזאגונג.
מיר דאנקען אונזער ג' חבר
משה פאזנאנסקי
פאר זיין בעמיהונג אויף צו עפענען צוריק אונזערע פערמאכטע בעקערייען.
פראנצוז, כאט, ניימאן.
(קאליש)

א ט י כ ט י נ ג ע
אינקאסענטקע
ווערט פון זאפארט געזוכט אין בית-יתומים זגערזשער 40
פון 10—1 און פון 3—7 אווענד.

Dr. Wołkowyski
צעגיעלניאנא 25
טעלעפאן 26-87
ספעציאל-ארצט פאר הויט-, ווענערישע קראנקהייטען און מענער-שוואכע. עלע-ארט אנאליזע
נעמט אבעהאנדלונג מיט קווארץ-שטראהלען.
פון 8—10, 12—2 און 4—8 אווענד.
בעזונדער ווארטע-זאל פאר פרויען.

Dr. med. A. Askenazy
ספעציאליסט פון כירורגישע און פרויען-קראנק.
זאוואדזקא 30 (גדאנסקא 26)
טעל. 22-36
נעמט אן פון 8—10 פריה און פון 5—6 נאכמ.

ב"ב נדכא ומלא דמע משתתפים אנחנו בצערו של חברנו הבוגר מר חובן
למות עליו
אביו נ"ע
בעבודתו הפוריה לטובת עמינו ימצא נחומים.
חברת בוגרי בי"ס עברי-עממי
ע. ש. „אחד-העם" בלודז

פריוואטע טאנץ שולע
פון די נייסטע טענץ
דיפל. לעהרער י. ווינטרויב
נעמט אן איינשרייבונגען אויף איינצעלנע לעקציעס ווי אויך אין קאמפלעטען יעדען טאג פון 10 פריה ביז 10 אוו.
קילינסקיעגא 44
2-טער הויף פארטער
די לעקציעס קומען פאר אונטער דער פערזענליכער לייטונג פון י. ווינטרויב
בעמ. אסיסטענט — רוטינירטער טענצער זשאן-קינג.

med. Dr. Ludwik Rapeport
P. Narutowicza 25 (דזשעלנא) Tel. 44-1
ספעציאליסט פאר נערוו-, בלוט- און הערץ-קראנקהייטען

מורא׳דיגע שרפה אין מיטען דער נאכט

אפגעברענט טוביה ביאלער׳ס פאבריק אויף קילינסקיעגא 102

ארום האלב 2 ביינאכט, ווען לאדז איז שוין געווען פארזונקען אין טיפען שלאף, האבען זיך פלוצלונג דערהערט די סיגנאלען פון די פייערלעשער און א פייטערײ פון די פאבריקס-סירענעס.

באלד האט זיך אויך געהערט דאס געקלינגערײ פון די פייערלעשער-אויטאס וואס האבען זיך געלאזט גאלאפ ווייט ארויף בעטריקאווער צו דער גלובנא.

דער הימעל האט זיך פארצויגען מיט א פייערדיגען ים און העל בעלויכטען דעם דרום-מזרח-ווינקעל פון אונזער שטאט. און אויף דער קאנאקערינגער פראסט איז געשטאנען א גרויסע פאבריק ארומגעכאפט אין העלישע פלאמען. געברענט האט טוביה ביאלער׳ס פאבריק אויף קילינסקיעגא 102. די שרפה איז אויסגעבראכען א 20 מינוט נאך איינס און אין משך פון עטליכע מינוט האט שוין דער גאנצער בנין אויסגעזעהען ווי

א ברענענדע לאמטער.

ארום דעם פאבריקס-בנין אויף ביידע זייטען גאס שטעהען אלטע האלב איינגעפוילענע הולצערנע הייזקעס, געדרוכט בעוואוינט מיט ידישע בעלי-מלאכות און ארבייטער. צווישען די דאזיגע מענשען איז געווארען א שרעקליכע מהומה. און אפילו אין פעטער׳ס גרויסען, געמויערטען הויז, אויף קילינסקיעגא 104, זענען די דערשראקענע איינוואוינער ארויסגעלאפען האלב נאקעטע אויף דער גאס און געפאקט דאס ביסעל בעבעלעס.

די פייערלעשער, וועלכע האבען זעהר ענערגיש אנגעפיהרט מיט דער רעטונגס-אקציע האבען זיך בעמיהט מיט אלע כוחות נישט צו דערלאזען דאס פייער צו די האלצערנע הייזקעס אויף קילינסקיעגא 100 און 98. פון דער צווייטער זייט האט מען זיך בעמיהט נישט צוצולאזען די פלאמען צו

פינסטער׳ס פאבריקס-בנין

וואס געהט ארום אויף יוליוש גאס. טוביה ביאלער׳ס פאבריק האט מען שוין נישט געקאנט דערראטעווען. דער צווייטער, דריטער און פירטער שטאק פון דעם ברענענדיגען בנין זענען געפאלען אלס קרבן פון די העלישע פלאמען.

דער גאנצער רויה-מאטעריאל און די אויסגעארבייטע סחורה איז

געגנצליך פערברענט געווארען

פון די שטוהלען און אנדערע מאשינען זענען בלויז איבערגעבליבען די האלב-צעבויגענע און אויסגעקרומטע אייזערנע סקעלעטען.

קיין מענשליכע קרבנות זענען צום גליק נישט געווען, ווייל די פאבריק איז ביינאכט נישט געווען געווען.

די שכנות׳דיגע נאווראט-גאס האט געדינט אלס הולף-באזע פאר די 14 פייערלעשער-אפטיילונגען, וואס האבען זיך בעטייליגט אין דער רעטונגס-אקציע.

ארום האלב 3 האט זיך די שרפה אנגעהויבען איינצושטילען. די ארומיגע וואוין-הייזער זענען א דאנק דער מסירות-נפש׳דיגער ארבייט פון די פייערלעשער אפגעראטעוועט געווארען און די שכנים האבען פרייער אפגעאטעמט.

3 א זייגער זענען שוין איינציגע אפטיילונגען פון די פייערלעשער צוריקגעפאהרען אהיים און איבערגעבליבען זענען בלויז עטליכע אפטיילונגען, וועלכע האבען זיך פערנומען מיט דער ליקווידאציע פון דער שרפה.

אויפ׳ן ארט פון דער שרפה איז ארויסגעקומען דער ווינצע-וואיעוואדא לעוונצקי, שטאט-סטאראסטא סטזשעמינסקי און דער פראקוראר שמודט מיט איינגע רעגירונגס פאליציי-בעאמטע.

די סבות פון דער שרפה זענען נאך נישט פעסטגעשטעלט.

די היזקות זענען זעהר גרויס

פער׳סמ׳טע פיש אין דער ווארטא

מ׳האט מורא פאר קראנקהייטען

ראדאמסקא, (ספ.) געהענדיג ביים ברעג פון דער ווארטא, האט נעכטען א פויער בעמערקט, אז דער גאנצער טייך איז ווייט און ברייט בעדעקט מיט א מענגע חאלב-טויטע פיש, וועלכע מ׳האט געקאנט פשוט כאפען מיט דער האנד.

דער נייער האט די בשורה באלד פונאנדערגעטראגען איבער׳ן דארף און אלע דארפס-לייט האבען זיך ארויסגעלאזט צום טייך כאפען פיש. א סך פויערים האבען אנגעלאדען גאנצע וועגען מיט דער כשר׳ער מציאה און געפאהרען אין שטאט אריין פערקויפען די פיש בהצי חנם.

מען האט אבער מורא, אז מ׳זאל נישט האבען אמאל צו טון מיט פערסמ׳טע פיש, וואס קאנען אנמאכען א קרענק אין דער גאנצער געגענד. די פאליציי האט פערבאטען לעת-עתה צו פערקויפען די „סחורה", ביז עס וועט געמאכט ווערען אנאליז.

9 טעג האבען די אויפשטענדיגע בעשאסען דעם בנין פון דער ענגלישער באטשאפט אין קאבול

אפגאניסטאן בארוהיגט זיך

קעניג אמאנולא גענצליך בעזיגט די אויפשטענדיגע.

לאנדאן. (ספ.) פון קאבול מעלדעט מען, אז בעת די קאמפען ארום דער שטאט, איז די ענגלישע באטשאפט בעשאסען געווארען גאנצע 9 טעג. די באמטע פון דער באטשאפט האבען זיך די גאנצע צייט געפונען אין די קעלערס.

לאנדאן. (אטע) פון פעשאוואר מעלדעט מען, אז לויט די אנגעקומענע ידיעות פון קאבול, האט דער קעניג אמאנולא אויסגעצאהלט דעם זשאלער די זעלנער, וואס בעטייליגען זיך אינ׳ם קאמף געגען די אויפשטענדיגע. זיי האבען דעם זשאלער פאר גאנצע צוויי מאנאטען בעקומען. די הויפט-שטאב פון די אינזורגענטען און דער ארמעע איז צו׳ן ארום בעזעצט געווארען. דער קעניג האט אויך צוגעזאגט צו בעצאהלען אנטשעדיגונג דער צווילער בעפעלקערונג, וועלכע האט געליטען פון די קאמפען.

די אפגאנישע באטשאפט אין לאנדאן האט איבערגעגעבען א קאמוניקאט, אין וועלכען עס ווערט ערקלערט, אז די ליקווידאציע פון׳ם אויפשטאנד האלט שוין ביים סוף. מען רעכענט, אז אין א גאנץ קורצער צייט ארום וועט זיך שוין דאס לאנד האבען אינגאנצען בערוהיגט.

לאנדאן. (ספ.) אויף א שטח פון 20 מייל ארום קאבול געפינט זיך שוין נישט קיין שום אפטיילונג פון די אויפשטענדיגע. דער וועג, וואס געהט פון קאבול קיין קאנדאהאר, און פון דארט ווייטער קיין אינדיען, איז שוין אינגאנצען אפגערייניגט געווארען פון די אויפשטענדיגע שבטים. אין גאנץ אפגאניסטאן הערשט שוין רוה.

ענגלישער קעניג האפנונגסלאז

לאנדאן, (אטע) אין די מאסגעבענדע כפערען פון ענגלאנד קורסירען ערום נישט אפיציעלע קלאנגען, אז דעם קעניגס געזונד-צושטאנד איז א געפעהרליכער און, אז די קאטאסטראפע קאן קומען א לאדע מינוט.

די כוחות האבען שוין אזוי שטארק פערלאזט דעם קראנקען קעניג, אז קיין סים מעדיצינישע מיטלען קאנען איהם שוין נישט העלפען.

מורא פערמישט אין דער אפערע פון דער „באנק דע פראנס".

פאריז. (א.ט.) דער ארעסטירטער באנקיר ... בעת דער אויספארשונג ... אזעלכע בעקאנטע ... אין דער אפערע אין דער „באנק דע פראנס", אז די פאליציי ... ארויסצוגעבען ... קאס. ווי מען שמועסט, זאל אין דער אפערע אויך זיין פערמישט קא"א.

פאליטישער מארד אין לעמבערג

לעמבערג (ספ.) נעכטען ביינאכט האט מען אויפ׳ן מיליטערישען פליה-פלאץ אין לעמבערג געפונען אנ׳ערמארדעטען מענש מיט א צושפאלטענעם מוח. ביים ערמארדעטען האט מען נישט געפונען קיין שום דאקומענטען. מען האט דעריבער נישט געקאנט פעסטשטעלען זיין נאמען. אלט איז ער אנ׳ערך פון א יאהר 30.

מען רעכענט, אז דער מארד שטעהט אין צוזאמענהאנג מיט דער ענטדעקטער שפיאנאזש-אפערע אין 6. פליהער-פולק.

גרויסע שניי-זאווערוכע אין ווין

11 טויזענד מאן רוימען דעם שניי פון די גאסען.

ווין. (א.ט.) פון געסטערן ביינאכט הערשט אין ווין א גרויסע שניי-זאווערוכע. די טראמווייען און אויטאס האבען זיך אפגעשטעלט. 11 טויזענד מאן זענען בעשעפטיגט ביים אפרוימען דעם שניי פון די גאסען. דער אעראפלאן פון דער נייער לופט-ליניע ווארשא—קאטאוויץ—ווין איז נישט אנגעקומען קיין ווין. פון ווין איז אויך נישט אפגעפלויגען קיין שום אעראפלאן.

ביכער-קאאפעראטיוו „קרית ספר"

דעם 1 יאנואר האט אנגעהויבען זיין טעטיגקייט דער נייער ביכער-קאאפעראטיוו „קרית ספר". זיין ציל איז צו ארגאניזירען און פוילען די פערשפרייטונג פון העברעאישען בוך און העברעאישער פרעסע, ערציהען קויפער און לעזער פון העברעאישע אויסגאבען, ארגאניזירען די אלע עקזיסטירענדע ביבליאטעקען, וואס קויפען העברעאישע ביכער, ווי אויך מיטהעלפען דער גרונדונג פון נייע ביבליאטעקען, ווי אויך צו ערמעגליכען איינצעל-פערזאנען און אנשטאלטען דאס איינקויפען פון העברעאישע ביכער אויף די בעקוועמסטע בעדינגונגען.

פון צייט צו צייט וועט „קרית ספר" ארויסלאזען אינפארמאציאנס-ביולעטינען וועגען אלע נייע ערשיינונגען אין דער העברעאישער ליטעראטור. דער דאזיגער ביולעטין וועט פערשפרייט ווערען אומזיסט צווישען אלע ביבליאטעקען, שולען, אנשטאלטען און אלע קויפער און ליבהאבער פון העברעאישען בוך.

דער צענטראל-קאמיטעט פון „תרבות", אונטער וועמענס שוץ דער קאאפעראטיוו וועט זיך געפינען, האט ארויסגעשיקט אנ׳ענטשפרעכענדען ציקולאר צו אלע זיינע אנשטאלטען וועגען דער גרינדונג פון „קרית ספר" און דער פערשפרייטונג פון די פאיען.

דער צענטראלער לאקאל פון „קרית ספר" געפינט זיך אין ווארשא, אויף נאלעווקי 2א, „תרבות" צימער 12.

משארלי לעווינ׳ס פאטער

א שמוגלער פון אלקאהאל-משקאות

ניו-יארק. (א.ט.) די ציטונגען מעלדען, אז דער פאטער פון דעם בערימטען פילם-קלאון משארלי לעווין, איז געווארען צוגעצויגען צו געריכטליכער פעראנטווארטליכקייט פאר פיהרען א שמוגעל מיט אלקאהאל-משקאות. דער אלטער לעווין איז דער בעזיצער פון אנ׳אקציע-געזעלשאפט, וועלכע האט איהרס א פאבריק פון רויהרען. דער אלטער לעווין האט בעהאלטען אלקאהאל אין די רויהרען.

20 מיליאן פונט שטערלינג

שיקט אנ׳אמעריקאנער צום פרינץ אף וועילס פאר די ענגלישע בערג-ארבייטער

לאנדאן (ספ.) ווי בעוואוסט האט דער פרינץ אף וועילס מיט א פאר טעג צוריק געהאלטען א רעדע דורך ראדיא לטובת די בערג-ארבייטער. נעכטען האט דער פרינץ אף וועילס בעקומען פון אנ׳אנאנימען אמעריקאנער נדבן 20 מיליאן פונט פונאנדערצוטיילען צווישען די בערג-ארבייטער.

די נעכטיגע ציהונג פון דער דאלארובקא.

8000 דאל. ג. 69960	749516 885776 784400 821494
3800 דאל. ג. 3594482	681135 6848 3 885406 49790
1000 דאל. ג. 818917 582995	236157 960874 262973 960166
835967 575231 246279	472761 983128 746787 167486
500 דאל. ג. 801470 386045	09684 216165 379542 421383
964161 555806 87054 997114 636	442198 738530 625089 612307
27?278 424278 518069	544892 299993 795902 610861
100 דאל. ג. ג. 447507 881977	285115 849151 29478 575430
754278 619376 6844 2 309636	606780 936116

1920 געוועזען זעלנער און איצט ווידעראמאל זעלנער

(נ) אין 1920 בעת דאס נאך-מלחמהדיגע לאדז האט איבערגעלעבט א שווערען קריזיס און ידישע יונגעלייט האבען זיך ארומגעדרעהט מבולבל׳ע, נישט וויסענדיג וואס צו טון, האט דער לאדזשער יונגערמאן בערעק גאטעסדינער, זיך רעגיסטרירט פאר אנ׳21-יעהריגען און אויף דעם סמך (אהן וועלכע עס איז פאסירען) איז ער אריינגעצויגען געווארען אין אקטיווען מיליטער-דינסט, און מאכע אפגעדינט זיין צייט..

דערמארגענ׳דיגער

פרייטאג-נומער

— פון —

„לאדזשער טאגעבלאט"

וועט ערשיינען אין א גרעסערן פארמאט און ברענגען א גאנצע רייהע ארטיקלען און פעליעטאנען פון די בעסטע שריפטשטעלער

אנאנסען ווערען אנגענומען היינט א גאנצען טאג.

דרייסטער באנדיטען-אנפאל אין א גוט הינטער אלעקסאנדער

„איך בין דער הערשער פון דער נאכט—לאזט מיך אריין"!

האט דער באנדיט געזאגט. אבער די העלדישע פרויען האבען זיך נישט דערשראקען.

(§) עס האבען נאך נישט פערקלונגען די באנדיטען-אנפאלען אין אלעקסאנדער און קאנסטאנטין און שוין האט די פאליציי-כראניק פערצייכענט א נייעם באנדיטען-אנפאל, וואס איז אויסגעפיהרט געווארען אין גוט „סלאוואק" הינטער אלעקסאנדער, וואס געהערט צו דער 50-יעהריגער סטעפאניא לעבעלט.

אינ׳ם דאזיגען גוט זענען אויף די חגאות געקומען צו פאהרען דער גוטס-בעזיצערינס צוויי שוועסטערן, מאריא און מאפיא. די פרויען האבען זיך פערזאמעלט ביז שפעט ביינאכט ביי ראדיא-אודיציעס. ארום 12 זענען זיי געגאנגען שלאפען, אבער דא האבען זיי פלוצלונג דערהערט עפיס א פערדעכטיגען גערויש אין הויז. די פרויען האבען זיך שטארק דערשראקען און אנגעהויבען זיך גוט אבצוהארכען. דא האבען זיי שוין דערהערט דייטליכע טריט און א געשעפטשע פון מענשליכע שטימען. די פרויען האבען אויסגעלאשען דאס ליכט אין הויז, כדי בעסער צו קאנען זעהן דורכ׳ן פענסטער און דא האבען זיי דערקליהרט דערזעהען 2 פערשוינען, איינעם מיט א רעוואלווער און דעם אנדערען מיט זעק אונטער׳ן ארעם אויף איינבראכען די צוגעריגלטע טאהען.

די באנדיטען האבען נישט געמאכט קיין גרויסע שהיות, זענען צוגעגאנגען צו די פערקראטעוועטע פענסטער און געקלאפט זיי אריינצולאזען אינעווייניג: „אויף צוויי ווערטער". אויף דער פראגע, ווער זיי זענען און וואס זיי ווילען, האט דער פערשוין מיט׳ן רעוואלווער געענטפערט: „איך בין דער הערשער פון דער נאכט איך וויל אייך זאגען בלויז צוויי ווערטער, לאזט מיך אריין".

די גוטס-בעזיצערין האט זיך נישט פערלוירען און פערשטאנען, וואס אזא „הערשער" קאן פון איהר פערלאנגען און זי האט געענטפערט: „ניין! אריינלאזען וועל איך אייך נישט, אפילו זיך נישט!"

דערויף האט דער פערשוין אויסגעשאסען אין פענסטער צוויי מאל. עס איז ענטשטאנען א טומעל און פון די געווארען האבען זיך אויפגעכאפט די פארארבייטער פון גוט און זיך געלאזט לויפען צום בנין פון דער גוטס-בעזיצערין.

דערזעהענדיג, אז עס איז שלעכט, האבען די באנדיטען גענומען די פיס. וועגען פאל איז תיכף געמאלדען געווארען דער אלעקסאנדערער פאליציי, וואס האט פון איהר זייט געמאלדען דער לאדזשער פאליציי-קאמענדאטור. אינ׳ם ארט פון אנפאל זענען תיכף ארויסגעפאהרען קאמיסאר ... און אינספעקטאר נאסעק. די דורכגעפיהרטע אויספארשונג האט געגעבען גינסטיגע רעזולטאטען. די פרטים פון דער אויספארשונג ווערען נאך געהאלטען בסוד.

וואלד-רויבער הינטער קאליש

קאליש (טעלעפאניש) נעכטען ביינאכט זענען דריי בעוואפענטע און פערמאסקירטע באנדיטען באפאלען אין וואלד פון פארלישע הינטער קאליש אויפ׳ן איינוואוינער פון דארף ביושניצא יאן יאנקיעוויטש, האבען ביי איהם צוגענומען 15 זל. מזומן, א זילבערנעם זייגער און איהם שטארק צעשלאגען. דערויף זענען די באנדיטען פערשוואונדען. דער צעשלאגענער האט זיך צוגעשלעפט צום פאליציי-פאסטען און געמעלדעט וועגען פאל. פאליציי זוכט די באנדיטען.

אכטונג שערער-ארבייטער.

שבת, ד. 5 יאנואר, 7 אזייגער קומט פאר אין לאקאל פון דער קריזיס-קאמיסיע נארוטאוויטשא 50 א גרויסע פערזאמלונג פון אלע ידישע, פוילישע און דייטשע שערער-ארבייטער וועגען בעזונדערס וויכטיגע פראגען.

די פערוו. פון טעקסטיל-פעראיין אבטיילונג 7 „ניצ".

לאָדזשער טאָגעבלאַט

ד"ר רעדאַקטאָר נעמט-אָן פון 6 ביז 7 אין אָוונט.
נישט בעשטעלטע מאַנוסקריפּטען ווערען נישט צוריקגעשיקט

Lódzer Tageblatt", Łódź, Piotrkowska 16, Skrz. poczt. 16 :רעד

טעלעפאָנען: פון רעדאַקציע 57, אדמיניסטראַציע 47.

[...]ר אַנטיסעמיטיזם אין רוסלאַנד

קיינמאָל זענען נישט אזוי אָפט געקומען ידיעות וועגען אַנטיסעמי-טיזם אין רוסלאַנד, ווי די לעצטע וואכען. כמעט טאָג-איין, טאָג-אויס קו-מען די ראָזיגע נייעסען און איינע איז טרויעריגער פון דער אַנדערער. זיי [...]רען קוים אפילו נישט ערנסט אָפּגעלייקענט — ווייל קאָמוניסטען קאָנען [...]אָר נישט אָפּלייקענען קיין קאָמוניסטען. און די לעצטע אַנטיסעמיטישע [...]ססען פון רוסלאַנד קומען הויפּטזעכליך פון קאָמוניסטישע קוועלען. נאָכ-[...]עהר: אפילו פון קאָמוניסטישע יודישע צייטונגען.

געוויס דאַרף ניעט איצט רוסלאַנד קיין מאָנאָפּאָל אויף אַנטיסעמיטיזם [...]ר בליהט נאָך אין פּוילען. ער וואַקסט אויך אין רומעניען. ער הערט נישט אויף אין אונגאַרן און ניעט אין דייטשלאַנד א. ד. גל. אָבער דער עצם אַנטיסעמיטיזם איז אין רוסלאַנד א'נאַנדערער, א שרעקליכערער, ווי אי-[...]ערשוואו. ער בעווייזט זיך נישט אין גאַס. ער האָט נישט דעם כאַראַק-טער פון אַן אַמאָליגען, עפענטליכען אויסברוך. מ'ערלויבט זיך נאָך נישט דאָס צו פּראָבירען. ער דריקט זיך אָבער אויס אין שטילען פייניגען איינ-צעלנע — און די צאָהל פון די איינצעלנע וואַקסט אַז ביז א גאַנצער מאַסע [...]ון דאָס פייניגען טראָגט אומעטום דעם כאַראַקטער פון בלוטיגען סאַדיזם [...] אין סיסטעמאַטיש האַלט-אָן דאָס פייניגען. איינעם ברענגט מען צו זעלבסטמאָרד, א צווייטען טרייבט מען אַריין אין א מרה-שחורה, א דריטען פייניגט מען ביז צו ענטלויפען פון זיין אַרבייטס-פּלאַץ. א מיידעל פייניגט מען [...] מ'פערנאַרלדינט און מ'לאָזט איהר קיין מויל נישט עפענען. און דאָס איז נישט די איינציגע פאָרם, אין וועלכער דער אַנטיסעמיטיזם דריקט זיך אויס. טרעפט, אַז די חיה אין קאָמוניסטישען אַנטיסעמיטיזם וואַרפט זיך אַרויף מיט אַמאָל אויף איהר קרבן און פערצויקט איהם. מיט אייזערנע [...] שפּאַלט ער דעם קאָפּ פונ'ם יודען, און רוימט איהם אָפּ פון וועג.

און די „[...]" מאַכען נישט קלענער, נאָר מאַכען נאָך גרע-סער די אַנטיסעמיטישע טעטיגקייט. וואָרום נאָך דעם סקאַנדאַל מיט'ן פערפייניגטען מיידעל זענען געקומען די „עקסצעסען" אין באָברויסק און אין דער יודישער קאָלאָניע אַלעקסייעווקע. און דער „אָקטיאַבער" ערקלערט, אַז די עקסצעסען — דאָס איז דער ענטפער פון די ווייס-רוסישע [...] אַנטיסעמיטען, אויף די פּראָטעסטען קעגען דער [...]. וואָס עטליכע קאָמוניסטישע אַרבייטער האָבען אונטערגענומען [...] דער באָרשט.

און עקסצעסען פון אַרבייטער זענען שטאַרקער פון פּראָטעסטען [...] קאָמוניסטישען אַנטיסעמיטיזם. און אויך פון דער מעגליכקייט צו [...] דעם [...]. דערפאַר האָבען אויך די יודישע אַרבייטער [...] וואָס [...] זיך אָפּגערעכענט מיט'ן [...] אין די [...], אַז זיי האָבען דאָס גענומען. וואָס „[...]" האָט אָבער נישט גענומען.

[...] איז דאָ נישט אַרום און אַרום [...]?

נ. ס.

דאס ערשטע אנטיסעמיטישע בלימעלע פון יאָהר 1929.

עקעלדיגע העצע געגען לאָדזשער יודען פון פּאָסט-בעאַמטע אין פּויזען, — וואָס זאָגט דערויף דאָס פּאָסט-מיניסטעריום

פּויזנער געגענד איז בעריהמט פון די סעקרעטאַרשיקעס און זיינע חברים. פון פּויזען ווערען פונאַנדערגעשיקט די אַנטיסעמיטישע בלימעלעך איבער גאַנץ פּוילען. אָבער צווישען די בעריהמטע שטעטלעך פון פּויזנער קאַנט פערנעמט וואָלשטין דעם אויבען-אָן. נישט איין יודישער סוחר האָט שוין געפיהלט דאָרט אויף זיינע פּלייצעס דעם טעם פון די גומענע-שטעקענס, וועלכע עס בענוצען די בני סעקרעטאַרשיק. און אָט איז צו אונז אין האַנד אָנגעקומען א ניי-יאָהר-בראָשור, וואָס איז אַרויסגעגעבען געוואָרען דורך די בריף-טרעגער פון וואָלשטין. מכתם א מנהג אַזאַ דאָרטען, אַז די בריפטרעגער, אַזוי ווי ביי אונז די סטרוזשעס, פראָגען פונאַנדער געדרוקטע ניי-יאָהר-וואונשען און בעקומען דערפאַר „נאָוואָראָטשני".

היות אָבער ווי די וואָלשטינער בריף-טרעגער זענען „קולטורעלער" ווי אונזערע סטרוזשעס, פאַרט פּויזנער, בענוצען זיי זיך נישט מיט א גלאַטען ניי-יאָהר וואונש, נאָר זיי געבען אַרויס א גאַנצע בראָשור. אין דער דאָזיגער בראָשור זענען פערהאַן אַנאָנסען און אפילו לידעל. דאָס דאָזיגע לידעל הייסט „יאָהרמאַרק אין וואָלשטין".

אין דאָזיגען לידעל ווערט דערצעהלט, ווי אַזוי די איציק'ס און די משה'ס די „זשידעס" און „זשיד-בקעס" פון לאָדז קומען קיין וואָלשטין מיט זייערע שמאַטעס און לאַטעס, וועלכע זיי פערקויפען פאַר גוט געלד ביי די פּויערים. די יודען, ווערט דאָרט ווייטער געזאָגט, לאַכען אין די פויסטען פון די נאַרישע פּויערים, וואָס לאָזען זיך פון זיי אַזוי אָנפרייערען און געבען אַוועק זייערע שווער אויסגעהאָרעוועטע גראָשען'ס די יודישע שווינדלער. דער אויספיהר פון לידעל איז, אַז מ'זאָל זיך בעצייטענס אַרומזעהן און ענטלויפען פון די דאָזיגע שווינדלער, ווי פון א פּעסט. דאָס איז דער איינציגער וואונש, וואָס האָט דער וואָלשטינער בריפטרעגער פאַר די דאָרטיגע איינוואוינער. און פאַר דעם וואונש בעקומט ער א גוטען „נאָוואָראָטשני".

אַז אין וואָלשטין הערשט אַנטיסעמיטיזם, איז פאַר אונז נישט קיין נייעס, אָבער אַז בריפטרעגער, וואָס זענען מלוכה-בעאַמטע, זאָלען אָפען פּרעדיגען בויקאָט, און חוזק מאַכען אויף'ן עקעלדיגסטען אופן פון יודען, דאָס איז א שטיקעל איבערראַשונג.

אַלענפאַלס איז זעהר כאַראַקטעריסטיש, וואָס דאָס ערשטע אַנטיסעמיטישע בלימעלע פון יאָהר 1929 שטאַמט פון בריפטרעגער, בעאַמטע פון פּאָסט-מיניסטעריום.

עס איז כדאַי צו וויסען, ווי אַזוי דאָס פּאָסט-מיניסטעריום וועט רעאַגירען אויף דער אַנטיסעמיטישער קאַמפּאַניע פון זיינע בעאַמטע אין וואָלשטין.

א חזיר אויפגעפרעסען א קינד

ווילנא. (ספ.) אין דאָרף סטאַר-נושקי איז פאָרגעקומען א שרעקליכער פאַל. א חזיר איז אַריין אין א שטוב פון א פּויער און אויפגעפרעסען א דריי-חדשים'דיג קינד, וואָס איז געלעגען אין וויגעל אָהן שום אויפזיכט.

ווען די מוטער פון קינד איז אַריין אין שטוב האָט זי שוין געפונען די אַרומגעגריזשעטע ביינערלעך פון איהר קינד.

טשעקאָווע פּרובען,

צו בעקעמפען דעם קריזיס אין האַנדעל און די הויכע שטייערן

(א בריף פון באַרצעלאָנאַ, ספּעציעל פאַר'ן „לאָדזשער טאָגעבלאַט")

פון **ל. אַלעקסאַנדראָוויטש**

די שפּאַנישע רעגירונג האָט די לעצטע יאָהרען אָנגעהויבען שטאַרק צו בעשטייערען דעם האַנדעל. ס'איז געקומען אַזוי ווייט, אַז סוחרים האָבען אָנגעהויבען שליסען זייערע געשעפטען. אַלע אינטערווענציעס האָבען נישט געהאַט קיין ערפאָלג. אַזוי ווי ס'איז שוין נישט געווען קיין שום מיטלען צו העלפען די אונטערגעהענדע סוחרים, האָט דער דירעקטאָר פון דעם דעטאַליסטען-פערבאַנד (ס'איז כדאַי צו בעמערקען, אַז דאָ עקזיסטירען צוויי גרויסע פערבאַנדען פון דעטאַליסטען און אַנגראָסיסטען פון אַלע בראַנזשעס, און נישט ווי ביי אייך, אין פּוילען, וואו יעדע בראַנזשע האָט איהר בעזונדערע אָרגאַניזאַציע) צונויפגערופען א קאָנפערענץ און געזאָגט, אַז ס'איז א שאָד יעדען גראָשען, וואָס מען גיט אויס אויף אינטערווענציעס ביי דער רעגירונג. מען מוז זעהן אַליין זיך צו העלפען.

דער דירעקטאָר האָט אָרגאַניזירט אויף פּראָבע עטליכע געמיינשאַפטס-געשעפטען. ער האָט, למשל, גענומען 8 סוחרים, וואָס האָבען פריהער געהאַט זעלבסטשטענדיגע געשעפטען. די געשעפטען זענען ליקווידירט געוואָרען און אויף'ן אָרט פון די אַכט געשעפטען איז געשאַפען געוואָרען איין גרויס געשעפט.

איצט האָט אַזאַ קאָאָפּערירט-געשעפט אַרויסגעגעבען איהר זעקס חדשים'דיגען עקזיסטענץ-בילאַנס. דער בילאַנס איז אַזוי אינטערעסאַנט, אַז ס'איז כדאַי דאָ איבערצוגעבען זיינע הויפּט-שטעלע:

„אונזערע אַכט שותפים — זאָגט דער קאָמוניקאַט, וועלכע האָבען פריהער געהאַט א שווערען קאַמף, הן צוליב די גרויסע שטייערן, הן צוליב מאַנגעל אין קרעדיט, האָבען איצט א געשעפט, מיט וועלכען די שטאָט רעכענט זיך. ביי דער געלעגענהייט מוזען מיר אויסדריקען א הערצליכען דאַנק אונזער אָרגאַניזאַציע און דעם ה' דירעקטאָר. דער גרויסער אומזאַץ האָט אונז געבראַכט גרויסע קרעדיטען, די אָפּשפּאָרונגען אין לאָקאַלען, אָנגעשטעלטע און אַנדערע אויסגאַבען, מאַכען אונז מעגליך צו פערקויפען אונזערע אַרטיקלען בעדייטענד ביליגער."

איצט קומט א לאַנגער צעטעל מיט ציפערן, פון וועלכע מיר געבען איבער די וויכטיגסטע.

1) קאָמונאַלע און מלוכה-שטייערן פון די אַכט געוועזענע, פאַר'ן גרינדען אונזערע קאָאָפּעראַציע 34.600 פּעסעטען.

2) דירה-געלד און ליכט פאַר די געשעפטס-לאָקאַלען 17.000 פּעסעטען.

3) פּערסאָנאַל און אַדמיניסטראַציע 28.000 פּעסעטען.

צוזאַמען 81.300 פּעסעטען.

די איצטיגע אויסגאַבען פון קאָאָפּעראַציע-געשעפט:

1) קאָמונאַלע און מלוכה-שטייערן 12.100 פּעסעטען.

2) דירה-געלד און ליכט 8400 פּעסעטען.

3) פּערסאָנאַל און אַדמיניסטראַציע 6000 פּעסעטען.

4) רעקלאַמע 3000 פּעסעטען.

צוזאַמען 29.500 פּעסעטען.

ווי מיר זעהען, איז דאָס פּערסאָנאַל שטאַרק פערקלענערט געוואָרען, מחמת אַלע שותפים אַרבייטען מיט. אַזוי ווי די פירמע האָט, צוליב בעקאַנטע טעמים נישט געוואָלט אָנגעבען, אויף וויפיל ס'איז פערגרעסערט געוואָרען דער ריוח פון פערגרעסערטען אומזאַץ, וועלען מיר זיך בלויז שטיצען אויף די אויבענדערמאָנטע ציפערן.

די אַכט סוחרים, בעת זיי האָבען געפיהרט אַליין געשעפטען, האָבען אויסגעגעבען א האַלב יאָהר 81.300 פּעסעטען, איצט בעטרעפען די אויסגאַבען פון דער קאָאָפּעראַציע 29.500 פּעסעטען, דאָס הייסט, אַז ס'איז געשפּאָרט געוואָרען, 51.800 פּעסעטען, צוטיילענדיג די געשפּאָרטע סומע צווישען די אַכט שותפים, מאַכט אויס פאַר יעדען איינצעלנעם אומגעפעהר 4 317 פּעסעטען.

לויט די היגע פערהעלטנישען קאָן א פאַמיליע מיט אַזאַ סומע זעהר שעהן לעבען.

לאָמיר זאָגען, אַז דער ריוח פון שותפות-געשעפט האָט זיך נישט פערגרעסערט, אַזוי, אַז יעדער שותף ציהט אַרויס פון געשעפט דעם זעלבען ריוח, וואָס ער האָט פריהער געהאַט פון זיין איינען געשעפט, דער אינטערעס איז אָבער דער, וואָס פריהער האָט דער סוחר געמוזט אָפּגעבען דאָס גאַנצע פערדינסט פאַר שטייערן און אַדמיניסטראַציע און איצט בלייבט איהם איבעריג א היבשע סומע אויף צו פיהרען אַנ'אָנשטענדיג לעבען.

איינערע סוחרים-טוער וועלען אפשר פּרובירען זאָגען, אַז אַזעלכע שותפות-געשעפטען קאָנען אין פּוילען נישט האָבען קיין ערפאָלג, מחמת די פערהעלטנישען אין שפּאַניען זענען נישט די זעלבע, ווי אין פּוילען. ס'קאָן זיין, אַז דאָס קאָן ריכטיג זיין בנוגע פערשידענע בראַנזשעס, אָבער אויף וויפיל איך קען דעם פּוילישען האַנדעל בכלל, בעזונדערס דעם לאָדזשער מאַנופאַקטור-מאַרק, קאָן איך מיט זיכערקייט זאָגען, אַז אין דאָזיגען פּרט קאָן מען אין פּוילען א סך אויפטון.

נעמט, למשל, די לאָדזשער מאַנופאַקטוריסטען, וואָס זענען אָנגעוויזען אויפ'ן פּראָווינצער קונה. דער פּראָווינצער קומט קיין לאָדז און קויפט ביי נ. א שטיקעל מושלין און ביי מ. א שטיקעל בעט-צייג, ער האָט מורא, אַז אויב ער וועט קויפען ביידע שטיקלעך סחורה ביי איינעם, וועט מען וועלען עפּיס געלט אויך, און אַזוי קויפענדיג בעזונדער, גיט ער יעדען א וועקסעל.

וועלען אָבער די ביידע סוחרים נ. און מ. האָבען א שותפות-געשעפט און מאַכען א גרויסען אומזאַץ, וועט דער פאַבריקאַנט זיי געבען א גרעסערן קרעדיט און זיי וועלען ווידער קאָנען קרעדיטירען דעם פּראָווינצער, דער קליין שטעטלדיגער הענדלער וועט זיכער קומען אינ'ם גרויסען פעראייניגטען געשעפט, וואו ער האָט א גרויסען אויסוואַהל און בעקומט קרעדיט.

סוחרים-אָרגאַניזאַציעס און פּראַקטישע טוער, דאַרפען זיך פערטראַכטען וועגען דעם. נאָר דורך פּראָדוקטיווער אַרבייט קען מען קומען צום ערפאָלג!

באַרצעלאָנאַ, דעצעמבער 1928

צוליב וואָס מען דאַרף א פּאַן-אייראָפּעאישע קאָנפערענץ

(ספּעציעל פאַר'ן „לאָדזשער טאָגעבלאַט")

— פון —

ב. קודענהאָוו-קאַלערגי

[illegible]

מיט 40 יאָהר צוריק זענען אין וואַשינגטאָן זיך צונויפגעקומען די רעגירונגען פון אַלע אַמעריקאַנישע רעפּובליקען צו דער ערשטער פּאַן-אַמעריקאַנישער קאָנפערענץ, כדי צו אָרגאַניזירען געמיינזאַם זייער ערד-טייל.

פון דער דאָזיגער קאָנפערענץ, נאָך וועלכער עס זענען געקומען פינף ווייטערע, איז געשאַפען געוואָרען די פּאַן-אַמעריקאַנישע אוניע. א דאַנק דער דאָזיגער אוניע איז אין אַמעריקאַ אָפּגעהיטען געוואָרען דער שלום, בעת אַפריקאַ, אַזיען און אייראָפּאַ האָבען שטאַרק געליטען צוליב די מורא'דיגע מלחמות.

טאַקי אין די לעצטע וואָכען, ווען דער קאָנפליקט צווישען באָליוויען און פּאַראַגוואַי האָט געקענט ברענגען צו אַנ'אמת'ער מלחמה, האָט די פּאַן-אַמעריקאַנישע אוניע בעוויזען צו ראַטעווען דעם שלום און צו צווינגען ביידע צדדים אַז זיי זאָלען אָפּשטעלען די קריגס-פּאָרבערייטונגען.

אייראָפּאַ מוז נאָכטוהן דעם ביישפּיל פון אַמעריקאַ און צו די 10 יאָהר נאָך דער וועלט-מלחמה, מוזען צונויפגערופען ווערען די ערשטע פּאַן-אייראָפּעאישע קאָנפערענץ!

אין משך פון די דאָזיגע צעהן יאָהר איז אייראָפּאַ נאָך ווייט נישט צו זיך געקומען. די האַרמאַטען שווייגען. אָבער דער קאַמף געהט כסדר פאָראויס; דאָס געוועהר פון דאָזיגען קאַמף איז: שנאה, מורא, אונטערדריקונג, נקמה דורשט, ליגען, רכילות, מאָרד, בעוואַפענונגען, אָפּמאַכען און געגען-אָפּמאַכען, רעוואָלוציעס און קאָנטער-רעוואָלוציעס.

די אייראָפּעאישע מלחמה איז געענדיגט. אָבער דער אייראָפּעאישער שלום האָט זיך נאָך נישט אָנגעהויבען. צווישען דעם שלום-קאָנפערענץ און דעם פּאַן-אייראָפּעאישער קאָנפערענץ הערשט א פּאָליטישער וואַפענשטילשטאַנד. די אויפגאַבע פון אַלע פעראַנטוואָרטליכע אייראָפּעער איז צו פערוואַנדלען דעם וואַפענשטילשטאַנד אין אַנ'אמת'ן שלום.

די פּאַן-אייראָפּעאישע קאָנפערענץ וועט האָבען די אויפגאַבע פולשטענדיג צו ליקווידירען די מלחמה. די אייראָפּעאישע רעגירונגען דאַרפען וואַגען צו מאַכען דעם פּרוב, צו אָרגאַניזירען געמיינזאַם דעם גאַנצען ערד-טייל פּאָליטיש, ווירטשאַפטליך און קולטורעל.

די צעהן-יאָהריגע טעטיגקייט פון פעלקער-בונד האָט בעוויזען, אַז די אינסטיטוציע איז נישט מסוגל אַדורכצופיהרען די דאָזיגע אויפגאַבע. אַז א חוץ דעם סאָלידאַריטעט פון דער מענשהייט איז אויך פערהאַן אַנ'אייראָפּעאישע סאָלידאַריטעט און אַז א חוץ די אינטערעסען פון דער מענשהייט זענען פערהאַן בעזונדערע אייראָפּעאישע אינטערעסען.

איבערדעם טאַקי מוז דער פעלקער-בונד דערגענצט ווערען דורך א פּאַן-אייראָפּעאישע אָרגאַניזאַציע — אַזוי ווי אין אַמעריקאַ ווערט ער ערגענצט דורך א פּאַן-אַמעריקאַנישע. די גרויסע אייראָפּעאישע פראַגען זענען, נאָך צעהן יאָהר נישט געלעזט געוואָרען. ענטוואַפענונג, זיכערהייט, מינדערהייטס-שוץ, צאָל-אָפּבוי א. ד. ג. די דאָזיגע ענינים זענען פאַר אייראָפּאַ לעבענס-פראַגען און זיי קענען געלעזט ווערען נאָר אויף דער אייראָפּעאישער באַזע.

מיר אַפּעלירען דעריבער צו אַלע אייראָפּעאישע רעגירונגען: פערלירט נישט קיין צייט און רופט צונויף נאָך אין יאָהר 1929 די ערשטע פּאַן-אייראָפּעאישע קאָנפערענץ!

פערלירט נישט קיין צייט, כדי אויף דער דאָזיגער קאָנפערענץ זאָל קענען אָרגאַניזירט ווערען דער אייראָפּעאישער שטאַטען-בונד פון גלייכבערעכטיגטע נאַציעס!

די צונויפרופונג פון דער קאָנפערענץ איז אָפּהענגיג אין גוטען ווילען פון די אייראָפּעאישע רעגירונגען.

דער ערפאָלג פון דער דאָזיגער קאָנפערענץ איז אָפּהענגיג אין גוטען ווילען פון די פעלקער.

דאָס מאָביליזירען דעם גוטען ווילען פון די רעגירונגען ליגט אין דער האַנד פון די פּאַרלאַמענטען.

דאָס מאָביליזירען דעם גוטען ווילען פון די פעלקער, ליגט אין דער האַנד פון דער פּרעסע.

פון די דאָזיגע צוויי כוחות זאָל זיך היי-יאָהר שאַפען די גרויסע בעוועגונג פאַר דער צונויפרופונג פון דער פּאַן-אייראָפּעאישער קאָנפערענץ, וועלכע וועט צווינגען אַלע רעגירונגען און פעלקער פון אייראָפּאַ, אַז זיי זאָלען זיך איינייגען, לעבען בשלום און זיך געמיינזאַם העלפען.

[אבן] סאַוד — אָפיציעלער הערשער פון העדזשאַס

ירושלים, 2 יאַנואַר (י.ט.א.) די ארץ-ישראל-רעגירונג האָט פערעפענטליכט אַנ'אָפיציעלען קאָמוניקאַט, אין וועלכען עס ווערט מיטגעטיילט, אַז עס איז פאָרגעקומען א קאָנפערענץ פון די מלוכה-פאָרשטעהער פון העדזשאַס און נעדזשד, און עס איז בעשלאָסען געוואָרען, אַז אבן סאַוד רעגירט איבער די דאָזיגע ביידע לענדער. עס זענען אויך געשלאָסען געוואָרען פריינדליכע בעציהונגען מיט איראַק און עבר-הירדן. די קאָנפערענץ האָט סאַנקציאָנירט דאָס רעכט פון איבן סאַוד צו האָבען די אויסערע און די קאָנטראָל איבער די פּאָליטיק פון די ביידע לענדער.

די אָנטיילנעמער פון דער קאָנפערענץ האָבען אָפּגעלייקענט די ידיעות וועגען אַנ'אויפשטאַנד פון די שבטים אין העדזשאַס.

יודישער הויפּט-פעראיין „ו.י.ז.א."

פילהאַרמאָניע-זאַל.

היינט דאָנערשטאָג, ד. 3 יאַנואַר. פּינקטליך 8.15 אָוונט

וולאַדימיר

זשאַבאָטינסקי

וועט האַלטען א פאָרלעזונג אין דער יודישער שפּראַך א.ד.ט.

וואָס איך זעה אין פּאַלעסטינאַ?

בילעטען פון 1 ביז 6 זל. צו בעקומען ביי דער קאַסע פון פילהאַרמאָניע פון 10.30 א זייגער פריה.

רעזולטאַט פון די שטאָט-ראַט-וואַהלען אין תל-אביב

בירגערליכע מעהרהייט אין נייעם שטאָט-ראַט

ירושלים. 2 יאַנואַר (י.ט.א.) אין תל-אביב זענען פאָרגעקומען וואַהלען צום שטאָט-ראַט. אַלע פּאַרטייען האָבען געפיהרט א העפטיגען וואַהל-קאַמף. די וואַהל-פרעקווענץ איז געווען זעהר א הויכע. עס האָבען זיך בעטייליגט אין די וואַהלען 92 פּראָצענט וואַהל-בערעכטיגטע.

דער רעזולטאַט איז פאָלגענדער: די אַרבייטער-גרופּירונגען האָבען בעקומען 5 מאַנדאַטען, פעראייניגטער צענטער — 4 מאַנדאַטען, פעראייניגונג פון די פּוילישע יודען — 2 מאַנדאַטען, הויז-אייגענטימער — 2 מאַנדאַטען, „מזרחי" — 1 מאַנדאַט, קליינהענדלער — 1 מאַנדאַט, צוזאַמען 15 ראַטמענער.

ווי בעקאַנט, זענען די וואַהלען פאָרגעקומען לויט דער נייער וואַהל-אָרדינאַנציע, לויט וועלכער עס האָט זיך געפאָדערט א געוויסער פערמעגנס-צענזוס.

רומענישער אינערן-מיניסטער זאָגט אין סענאַט,

אַז אַלע אונגערעכטיגקייטן לגבי יודן וועלען בעזייטיגט ווערען

בוקאַרעסט, 2 יאַנואַר (י.ט.א.) אין סענאַט האָט דער אינערן-מיניסטער ווײַדאַ געהאַלטען א רעדע, אין וועלכער ער האָט זיך אויך אָפּגעשטעלט אויף דער יודען-פראַגע. דער מיניסטער האָט ערקלערט, אַז א לאַנגע צייט האָט אין רומעניען געהערשט אַנ'אומבעגרינדעטע מורא וועגען א יודען-געפאַהר. די איצטיגע רעגירונג פיהלט נישט די דאָזיגע מורא. די יודען זענען נישט קיין שום געפאַהר פאַר דער פיל מיליאָניגער רומענישער בעפעלקערונג. די רעגירונג וועט דעריבער נישט האַנדלען ווי ביז-איצט. זי וועט בעזייטיגען אַלע אונגערעכטיגקייטען, וואָס זענען אָנגעווענדעט געוואָרען ביז היינט לגבי די יודען.

די רעגירונג גלויבט, אַז געהענדיג אויף דעם וועג וועט זי איינשטעלען אָרדנונג און גערעכטיגקייט אין לאַנד און זי וועט אויך פערשטאַרקען איהר פּרעסטיזש אין אויסלאַנד.

לאדזער כראניק.

נאכט־דיזשורען אין די אפטייקען.

היינט דיזשורירען פאלגענדע אפטייקן: מ. ליפיץ פעטריקאווער 193, מ. מויגער פעטריקאווער 46, גראשלאווסקי קאנסטאנטינאווער 15, פערעלמאן צגערזשניאנא 64, ניעוויארצאווסקי אלעקסאנדראווסקא 37, יאנקיעלעוויטש אלטער מארק 9.

פופצעהן יעהריג יונגעל זיך פערסמט

(וו) נאכ'ן אהיימקומען פון פערוויילונג האט זיך ניכטען פ־ר'סמ'ט מיט יאדינע דער 15־יעהריגער אלעקסאנדער צארנאווסקי פון וואלסקא 42. אין א שווערען צושטאנד האט די פאגאטאוויע איהם אפגעפיהרט אין שפיטאל.

פעסער אין מאגיסטראט

(§) ווי בעקאנט, וועט לויט א פערארדנונג פון אינערן־מיניסטעריום דער לאדזער מאגיסטראט אין די נאהענטסטע טעג ארויסגעבען פערזענליכע דאקומענטען (פעסער). כדי ארויסצובעקומען א פאס מוז דער פעטענט צושטעלען א וויטשאנג, א מעטריקע און צוויי פאטאגראפיעס מיט אנ'איינגעהענדיגער אונטערשריפט און מיט דער אונטערשריפט פון הויז־אדמיניסטראטאר.

פון קאנפעקציאנערען־פעראיין.

אויף דער ערשטער קאנסטיטואירענדער זיצונג פון דער ניי־געוועהלטער פערוואלטונג איז געוועהלט געווארען א פרעזידיום. פרעזעס—ה' מ. פיטעל, וויצע־פרעזעס—ש. מאסע און ק. קאופמאן, סעקרעטאר—ר. אייזענבערג, קאסיר—י. ווינטרויב, ע־אנים—ל. פייוליאוויטש.

נאך א 15־יעהריגע „טויט"

איז א מאן, וואס איז געווען אין קריג, אויפגעשטאנען „תחית המתים" און צושטערט דאס גליק פון זיין פרוי

(ג) אין די שטעטלעך טושין און סולעוו טוט זיך איצט חושך צוליב א טראגישער געשיכטע, וואס איהרע איינצעלהייטען גרייכען אין דער לעצטער וועלט־מלחמה און איהרע אלע גרוילען.

וועגען דער געשיכטע האט פרוי ניטעל קאהן פון רודא־פאביאניץ (פאנסקא 6) מיטגעטיילט דעם לאדזער ראבינאט פאלגענדע פרטים:

איהר איינגענער זוהן, מאטעל קאהן, וואס וואוינט אין טושין, האט מיט 7 יאהר צוריק חתונה געהאט מיט דער עגונה אסתר בראנדוויין פון סולעוו. אסתר בראנדוויין'ס מאן איז אוועק אין דער מלחמה אריין, די פרוי האט פון איהם נישט געהאט די מינדעסטע ידיעה. א יאהר נאך דער מלחמה איז צו דער עלטערער פרוי אסתר געקומען א יוד, וואס האט איהר געזאגט, אז ער איז געווען צוזאמען מיט איהר מאן אין א שטאט פון רוסלאנד, דארט איז ער פון הונגער קראנק געווארען אויף טיפוס, פון וואס ער איז אונגיכען געשטארבען אין שפיטאל. ער, דער עדות אליין, האט נאך דעם פערשטארבענעם'ס נשמה געזאגט קדיש, ווייל ביידע האבען זיי זיך גוט געהאלטען, צוזאמען געליטען צרות און די אקאפעס און געהענדיג און שפיטאל אריין האט פרוי אסתר בראנדוויינ'ס מאן איהם געזאגט ווי ער הייסט און אז ער האט איבערגעלאזט א יונגע פרוי אין סולעוו. על כן האט ער געהאלטען פאר זיין היילינען חוב צו קומען צו איהר און זי בעפרייען פון דעם אומגליק צו מוזען די פאר יאהר פערשווארצען זיך אלס עגונה.

אז די פרוי האט גע'חלש'ט און געקלאגט, הערענדיג אזא וויסטע בשורה, קאן מען זיך פארשטעלען. עס האט נישט געהערט צו די זעלטענהייטען באלד נאך דער מלחמה. דערביי אבער איז די ידיעה געווען פאר איהרעטוועגען א פערלייכטערונג, ווארום זי האט אונגיכען חתונה געהאט מיט מאטעל קאהן פון סולעוו. דאס פאר־פאלק האט זיך בשלום געלעבט, דורכגעקומען מיט פרנסה, די איינציגע וועהטאג איז נאר געווען, וואס די גאנצע זיבען יאהר, זייט נאך דער חתונה, איז ביי זיי נאך נישט געבוירען געווארען קיין קינד.

מען וויסט נישט ווי אזוי און פון וואנען איז פלוצלינג אויפגעשטאנען „תחית־המתים" אסתר בראנדוויינ'ס מאן, וועגען וועמענס „טויט" עס האט עדות געזאגט בלומרשט זיינער א ידיד־נפש. אז ער איז אנגעקומען קיין סולעוו, כדי אויפצוזוכען זיין ווייב אסתר, האבען דאס רוב יודען און יודינעס פון דעם שטעטעל צו איהם געזאגט: „זלמן, געה אין דיין רוה אריין, וואס ווילסטו פון אונז האבען... לאז דיין ווייב אסתר צופרידען מיט איהר מאן אין טושין".

הערענדיג אזעלכע דבורים, האט דאס „מת" זלמן, וועלכער איז געקומען קיין סולעוו צוזאמען מיט א דארטיגען בן־עיר, וועמענס פרוי עס ווארט שוין אויף איהם 15 יאהר — זיך דערווייטערט פון שטעטעל און האט געמאכט „לך" קיין טושין.

ער האט זיך ארומגעדרעהט אין טושין א מבולבל'ער, האט געקוקט אין אלע הייזער. פלוצלינג אבער האט ער דערקענט זיין פרוי אסתר א שטעהענדיגע אין א געוועלב. ער איז ארויפגעפאלען אויף איהר האלז און מיט זיין ווילד געוויין געשטעלט אויף די פיס גאנץ טושין.

פרוי אסתר האט זיך געפרעהט מיט איהר גוו. מאן, געלאזט הייסע טרעהרען און איז אנידערגעפאלען א פערקלעמטע אויף דער ערד. אין איהר שטוב אריין האבען זי געטראגען פרעמדע מענשען, וועלכע האבען איהר געוועזענעם מאן אהינצו נישט ארייננעלאזט, ערקלערענדיג איהם, אז זי וואוינט מיט א צווייטען.

אויף דעם צוריקגעקומענעם אויסגעמאטערטען מאן האט די מעשה געמאכט א מופען רושם. ער דרעהט זיך איצט ארום ווי א שאטען און די ווענד און קינד און קיים וויינט־מיט סיי מיט דעם תחית־המתים'ניק און סיי מיט דער אומגליקליכער פרוי, וועלכע איז אזוי פאמעאל פערפיהרט געווארען דורך אונפעראנטווארטליכען פערשוין.

איצט וועט די פרוי זיין געצוואונגען צו גט'ן ביידע מענער און נאכדעם פון ביידע אויסקלויבען איהר זיווג.

דער שעדליכער אפטימיזם

צירקולאר פון אינערן־מיניסטעריום וועגען האנדעלס־בילאנס

(§) מחמת עס איז לעצטענס צו פערצייכענען א בעדייטענדע פערבעסערונג פון האנדעלס־בילאנס אין פוילען און די געזעלשאפט איז בנוגע דער פראגע זעהר אפטימיסטיש געשטימט, האט דאס אינערן־מיניסטעריום צוגעשיקט א צירקולאר צו דער לאדזער וואיעוואדזטווא, אין וועלכען עס ווערט אויפמערקזאם געמאכט, אז אזא מצב איז נישט געוואונשען און עס ווערט רעקאמענדירט אויסצונוצען דעם גאנצען איינפלוס, כדי קלאר צו מאכען דער געזעלשאפט, אז די סיטואציע איז נאכנישט סטאביליזירט און אז אן איבערגעטריבענער אפטימיזם קאן בלויז שאדען דער פערבעסערונג פון האנדעלס־בילאנס פון לאנד.

כוליגאנ'ס בעפאלען א מאן מיט א פרוי און שלאגען זיי מערדעריש.

(§) נעכטען ביינאכט זענען אונבעקאנטע פערשוינען אנגעפאלען אויף דעם פאר־פאלק ... און יוזעף שער פון 6. אויגוסט גאס 44, וואס זענען אהיימגעגאנגען פון א וויזיט. יוזעף שער האט פערטיידיגענדיג זיין פרוי דערלאנגט די אנפאלער מיט א שטעקען איבער'ן קאפ און צוזאמען מיט זיין פרוי גענומען ענטלויפען, רופענדיג הילף. די אנפאלער האבען זיי אבער אנגעיאגט און זיי פערוואונדעט מיט מעסערס און צובראכען שער'ן א האנד מיט זיין איינענעם שטעקען. דערויף זענען די אנפאלער ענטקומען. די ארויסגערופענע פאגאטאוויע האט די געליטענע ערטיילט הילף. פאליציי זוכט די אנפאלער.

אבאנירט
פון 1. יאנואר 1929 דאס „לאדזער טאגעבלאט".

א מענש — א חיה

אפגעביסען ביי א דורכגעהער צוויי פינגער.

(§) א אויסטערלישער פאל האט נעכטען פאסירט אויף פיעטריקאווער גאס. דורכגעהענדיג פאר'ן הויז נומער 163 איז דעם 20־יעהריגען סטאניסלאוו שטשעטשינסקי בעפאלען עמעס א אונבעקאנטער פערשוין און איהם פערטשעפעט.

שטשעטשינסקי האט זיך נישט געלאזט און עס האט אויסגעבראכען א געשלעג. אמאל איז דער אנפאלער געווען שטארקער, אמאל האט בעזיגט דער בעפאלענער. זעהענדיג, אז שטשעטשינסקי האט א איבערגעוויכט האט דער אונבעקאנטער פערשוין ... כאפ־נעמען שטשעטשינסקי'ן פאר א האנד און איהם אנגעהויבען אזוי ווילד צו בייסען, אז ער האט ביי איהם אפגעביסען 2 פינגער. אויף די פערצווייפעלטע קולות פון געליטענעם האבען זיך אנגעהויבען צונויפצולויפען מענשען. דאס האט אויסגענוצט דער אנפאלער און איז ענטקומען. שטשעטשינסקי איז געפאלען אהן בעוואוסטזיין אויף דער ערד. דער צונויפגעלאפענער המון האט ארויסגערופען פאגאטאוויע, וועלכע האט איהם ערטיילט הילף. פאליציי זוכט דעם חיה־מענש.

אפאר ווערטער וועגען דעם מלמד דעם „סאדיסט"

(א בריף אין רעדאקציע)

די טעג האבען מיר געהאט דאס „פערגעניגען" צו לייענען אין „לאדזער טאגעבלאט" א נאטיץ וועגען א געוויסען בארבארישען מלמד, אנ'אנגעשטעלטער אין א חדר, וועלכער האט זיינעם א תלמיד צושפאלטען דעם קאפ, אפגעריסען אנ'אויער, אויסגעדרעהט א האנד, ממש גע'ממית'ט.

צום בעדויערן איז אפילו דא א גרונד פעסטצושטעלען, אז די דאזיגע מעשה איז גראד א ביטערער פאקט, והא ראיה — די קלוגע ערקלערונג, וועלכע איז אויף צומארגענ' געקומען אין דער זעלבער צייטונג פונ'ם אינהאבער — דעם „מנהל" הייסט עס — פון אט דעם חדר, אז „נישט ער, נישט די לייטונג האט קיין שום ידיעה נישט געהאט וועגען דעם „פערדריסליכען" פאל. דערוויסענדיג זיך דערפון אין „לאדזער טאגעבלאט", האט די „דירעקציע" (?) בעשלאסען צו ציהען דערפון די געהעריגע קאנסעקווענצען".

דערום וויל איך דא אויף דעם דאזיגען מלמד־מנהל נישט מלמד זכות זיין, אדרבה, אזא ברוטאלע אונמענשליכע האנדלונג מוז פון אלע מלמדים „מחזיקי בתי ספר" אויף דאס שארפסטע גענאדעלט ווערען.

ביי דער געלעגענהייט קומט מיר אויפ'ן געדאנק א מאמר פון דער גמ"א, וועלכער דערצעהלט וועגען דעם תנא רבי עקיבא, אז אין זיין יוגענד, ווען ער איז נאך געווען א פאסטוך און א גרויסער עם־הארץ, פלעגט ער אפט זאגען: זאל מיר נאר ווער עס איז געבען א תלמיד־חכם אין האנד אריין (מי יתן לי ת"ח) איך וועל איהם צובייסען, ווי א משל אייזעל. פרעגט זיך: וויס הייסט „מי יתן לי"? מען נעהמט דעם ערשטען תלמיד חכם און מ'בייסט איהם. איז אבער די תורה: זייענדיג אין יענער צייט אנ'עם הארץ, האט ער נישט געקענט זיין קיין מבין אויף א תלמיד־חכם און האט זיך דערום אין דעם פרט געמוזט פערלאזען אויף אנ'אנדערענס מבינות...

דער אויבענדערמאנטער „מנהל" מסתמא אויך אזוי גוט פערשטעהט ווס אנצונעמען אין זיין „חדר" אלס מלמדים ווי ר' עקיבא, זייענדיג א פאסטוך...

על כל פנים מעג מיין מיינונג באטראכט ווערען אלס בזיוזענער פאקט, ווען איך וועל דא בעהויפטען, אז אונזערע פריוואטע שולען און חדרים פערגרעסירען אין דער לעצטער צייט מיט זעהר גרויסע פארטשריט, הן אין רעליגיעזען, הן אין וועלטליכען חינוך. די זעלבע קענען אויך קאנסטאטירען די יעניגע יודישע עלטערן, פאר וועמען די אומזיסטע פאלקסשולען זענען נאך ווייט נישט ביכולת צו בעפרידיגען זייערע יודישע, נאציאנאלע שטרעבונגען.

און מיט צופרידענהייט וויל איך אויך פעסטשטעלען, אז אזעלכע „מנהלים" און מלמדים, זענען ליתא נישט פערצאלט געווען אלס מיטגלידער אין אונזער פעראיין „מחזיקי בתי ספר" און אויך אין להבא נישט געוואונשען.

יצחק גאלדבערג
(פרעזעס פון פעראיין „מחזיקי בתי ספר").

335 זעלבסטמארדע

פארנאטירט אין לאדז אין פערגאנגענעם יאהר

(§) לאדז, וואס איז א שטאט פון העכער א האלב־מיליאנען בעפעלקערונג מיט אנ'איבערוויעגענדען רוב פון ארבייטער און בעלי מלאכות, איז אויך רייך אין אומגליקס־פאלען. פאר'ן יאהר 1928 איז די שטאטישע פאגאטאוויע ארויסגערופען געווארען צו 6678 פאלען. דערפון ביי טאג אין 4391 פאלען און ביי נאכט אין 2287 פאלען. דערפון האבען זיך אליין געמעלדעט אין דער פאגאטאוויע 1010 פערזאן, וועמען עס איז ערטיילט געווארען מעדיצינישע הילף. ביי 1298 פאלען איז די פאגאטאוויע אנגעקומען מיט א פערשפעטונג. דאס בעווייזט, אז אין לאדז זענען פארהאן צו ווענג פאגאטאוויע־קארעטקעס. פון די קארגע 7 טויזענד אומגליקס־פאלען צו וועלכע די פאגאטאוויע איז גערופען געווארען זענען געווען זעלבסטמארדע. זעהר א גרויסע פאר איין יאהר צייט.

גרויסע מיסברויכען ביים רודא־פאביאניצער מאגיסטראט

(וו) נעכטען האבען די איינוואוינער פון רודא־פאביאניץ זיך דערוואוסט וועגען גרויסע מיסברויכען, וואס זענען בעגאנגען געווארען אין דארטיגען מאגיסטראט. די מיסברויכען זענען ענטדעקט געווארען אין דער בעטאן־פאבריק, וואס געהער צו דער שטאט־פערוואלטונג. אין שייכות מיט די מיסברויכען זענען פון מאגיסטראט־דינסט ענטלאסען געווארען עטליכע בעאמטע. דער גונטער דער לייטער פון די טעכנישע ארבייטען אינזש. וול. פעשעסלאווסקי.

קאלידזש אליין בעשרייבט זיין פריוואט לעבען אין „ווייסע־הויז"

ער שלאגט פאר א זומער־היים פאר'ן פרעזידענט.—ער האלט זיך פאר'ן געזונדסטען פרעזידענט

אין די זיבען יאהר, וואס קאלווין קולידזש האט פערנומען דאס „ווייסע הויז" אלס פרעזידענט פון די פעראייניגטע שטאטען, איז איהם אויסגעקומען צו ריידען און שרייבען וועגען נאציאנאלע און אינטערנאציאנאלע ענינים, וועגען וועלט־פראבלעמען און אנדערע וויכטיגע אנגעלעגענהייטען. אבער קיינעם איז נישט איינגעפאלען צו פרעגען דעם פרעזידענט אפשר פעהלט איהם עפעס אליין אלס פרעזידענט עפעס, אדער אפשר איז מעגליך צו פערבעסערען זיין לעבען אין „ווייסען אימשטענדען" אין דער פרעזידענט, אין זיין בעזונדערקייט אין גוטען ווילען צו זיין נאציאן. האט קיינמאל נישט אויסגעשטעלט קיין קלאגעס, און קיינמאל נישט געשטעלט קיין פאדערונגען פאר זיך, אדער זיין פאמיליע. איצט אבער, א קורצע צייט פאר זיין פערלאזען דאס „ווייסע־הויז" און זיין אמט אלס פרעזידענט, האט ער זיך ערלויבט צו געבען אויסדרוק צו א געוויסער אומצופרידענהייט, וואס איז איהם, ווי עס ווייזט אויס, שוין לאנג געלעגען אויפ'ן זינען. און דאס איז אויך פארגעקומען אויף אנ'אומדירעקטען אופן.

די „סט. לואיס פאסט דיספעטש", איינע פון די וויכטיגסטע צייטונגען אין לאנד, פייערט איצט איהר פופציג־יעהריגען יובילעאום. האט זי איינגעלאדען דעם פרעזידענט מיטצוארבייטען אין איהר יובילעאום־נומער. דער פרעזידענט האט די איינלאדונג אנגענומען און אויסגענוצט די געלעגענהייט צו שרייבען וועגען דעם לעבען פון א פרעזידענט אין ווייסען־הויז.

אפריהער מאכט דער פרעזידענט א קאמפלימענט די סט. לואיס'ער צייטונג און איהר ארויסגעבער, די פוליצער פאמיליע, פאר דעם וויכטיגען ארט, וואס די צייטונג פערנעמט אין אמעריקאנער לעבען. דערנאך שרייבט ער:

„אזוי ווי איך האלט שוין איצט ביי פערלאזען מיין אמט אלס פרעזידענט, פיהל איך מיר פריי אנצורירען געוויסע פאזען פון אט דעם דאזיגען אמט. איך וועל דא אין קורצען אויסדריקען מיין מיינונג איבער אנ'ענין, וועלכען מען רירט נישט ביז־ן, אבער קיין זאך ווערט נישט ביז־ן, כאטש יעדערער זעהט איין, אז דאס איז א זאך פון דער גרעסטער וויכטיגקייט. איך מיין דער פיזישער און געזונדהייטס־צושטאנד פון אונזערע פרעזידענטען. איך האב דא נישט אין זינען אזוי פיל זיך אליין, נאר מיינע נאכפאלגער. איך האב אפט געמאכט בעמערקונגען, אז כאטש מיט איין זאך האב איך זיך אויסגעצייכענט אין מיין אמט — איך בין געווען דער געזונדסטער פרעזידענט, וואס דאס לאנד אונזערס האט געהאט.

„מיין פעהיגקייט אנצוהאלטען מיין געזונד האב איך נישט צו פערדאנקען מיין איבעריג שטארקען ארגאניזם, אדער סיסטעמאטישע פיזישע איבונגען. פעראנטווארטליך פאר דעם איז מיין רעגעלמעסיג לעבען. זעלטען ווען איך האב פערשפעטיגט א מאהלצייט, און אלעמאל געזוכט געהן שלאפען אין צייט. פאר אנבייסען טו איך זעהר ווייניג, אבער געוועהנליך מאך איך א קורצען שפאציר פאר מיטאג; ווינטערצייט איז דער שפאציר. עטליכע עלעקטרישע גימנאסטיק מאשינען געפינען זיך אין מיין צימער, און זיי זענען מיר געווען פון גרויס הילף.

איהר וועט בעמערקען, אז מיינע „איבונגען" זענען פון דעם סארט, וואס פערנעמען ווייניג צייט. איך האב אנגעווענדעט אזעלכע איבונגען, וועלכע פאדערען נישט קיין פארברייטונג, אדער קליידונג־אומבייטונג, אדער געהן פון איין ארט צום אנדערען.

„ווען איך האב אנגענומען מיין אמט, האט מען דיסקוטירט די פראגע, ווי מען קען בעפרייען דעם פרעזידענט פון אלע איבעריגע זארגען אין לאסטען. עס איז אויך פארגעלייגט געווארען א געוויסער שריט אין קאנגרעס, צו וועלכען מיין בעציהונג איז געווען נישט זעהר סימפאטיש, ווייל אפשר האב איך געשפירט, אז אזא שריט וואלט געווען א סימן פון שוואכקייט; און נאך מעהר האט מיר מיין ערפאהרונג געוויזען, אז איך אליין, און נישט קיין געזעץ פון קאנגרעס קען מיך בעהיטען פון צופיל ארבייט און קראנקהייט.

„די פליכטען פון א פרעזידענט זענען אומגעהויער שווער. די פעראנטווארטליכקייט איז ריזיג. אבער איך האלט, אז א מענש פון געוועהנליכען פיזישען שטאנד קען דאס פערטראגען, אויב ער וועט זיך אפגעבען אויסשליסליך מיט די פליכטען, וואס די רעגירונג און דאס געזעץ לייגען אויף איהם ארויף.

„אויב ער וועט ערלויבען זיך אפצוגעבען מיט אנדערע אנגעלעגענהייטען, צו בעזארגען פערוויילונגען פאר גרויסע עפענטליכע פערזאמלונגען, אויב ער וועט וועלען דינען אלס בייספיל פאר וויכטיגע קהל'שע ענינים, און אזעלכע ביטעס וועלען קומען צו איהם זעהר אפט מיט דער אנווייזונג, אז אויב ער וועט עס נישט אננעמען, וועט זיין א סוף צו דער וועלט און אז עס וועט זיין נאר זיין שולד. אויב דער פרעזידענט וועט ענטפערן אויף די זאכען וועלען זיינע כוחות ציהען א נייניציג טעג. עס זענען פאראן געוויסע אויפטריטען, וואס דער פרעזידענט מוז מאכען און געוויסע ביטעס, וואס ער מוז אננעמען, אזוי ווי די ביטע, וואס איהר האט מיר געשטעלט, אבער אין מעהרסטע פאלען מוז ער און דארף זיי צוריקווייזען.

„זעלבסטפערשטענדליך, דארף דער פרעזידענט זיך נישט פערנעמען מיט דעטאלען. די פערשידענע אפטיילונגען פון זיין ביורא־שטאב בעקומען דארפען עס טון. ער זאל נישט טון דאס, וואס אנדערע קענען טון אהן איהם. זיין ענערגיע זאל אנגעווענדעט ווערען נישט אזוי פיל אויף ארבייטען, ווי אויף צו זעהן, אז די ארבייט ווערט געהעריג געטון.

„עס איז אבער פאראן איין זאך, וואס די רעגירונג קען טון, אום צו זיין בייהילפיג דעם פרעזידענט אויפצוהאלטען זיין געזונד־צושטאנד. וואשינגטאן געפינט זיך כמעט גלייך מיט דער ים־פלאכע. דער קלימאט איז אנ'אויסערגעוועהנליך גוטער א גאנץ יאהר. אבער צייטענווייז ווערט דא שטיקיג הייס און האלט אן אזוי לאנג, אז עס ווערט אונערטרעגליך. דאס איינציגע מיטעל פאר דעם פרעזידענט צו אנטלויפען פון דער היץ, איז א רייזע אויף דער רעגירונגס־שיף, די „מייפלאַוער". די דאזיגע שיף איז דאס אייגענטום פון פלאט און ווערט בענוצט אלס א טריינינג־שיף פאר מאטראזען, אבער מען האלט זי אין דעם וואשינגטאנער פארט גרייט פאר'ן געברויך פון פרעזידענט.

„איז אבער די צרה מיט דער „מייפלאַוער" וואס זי מוז פאהרען אויף דעם פאטאמעק טייך. און כאטש עס ווערט גרינגער צוליב דער ענדערונג אין אומגעבונג און צוליב די מילדע ווינטלעך, איז אבער דער פאטאמעק פאראלעל מיט דער שטאט, און דער אונטערשיד אין קלימאט איז זעהר קליין.

„דער פרעזידענט קען נישט ארומגעהן און ארומפאהרען מיט דער זעלבער מאס פרייהייט, ווי אנדערע רעגירונגס־בעאמטע. די לעצטע קענען פערברענגען זייער פרייע צייט ווען זיי ווילען און וואו זיי ווילען, אין קלובען אדער האטעלען, זיי קענען אויך אננעמען פריוואטע איינלאדונגען. אבער ווען דער פרעזידענט געהט א טריט, איז דאס א געשעהעניש. א גרויסע גווארדיע געהט איהם נאך, און גרויסע פארבערייטונגען מוזען פריהער געמאכט ווערען. דער איינציגער ארט, וואו ער קאן ארייננעמען זיך פארברייטונגען, איז דאס „ווייסע הויז".

„צוליב די אורזאכען, דאכט זיך מיר, האט מען געדארפט בעזארגען א פלאץ אין די בערג, נאהענט פון וואשינגטאן, וואו דער פרעזידענט זאל קענען פערברענגען אויף א צוויי־דריי טעג, ווען ער וויל, און אז אין דעם דאזיגען פלאץ זאל דער פרעזידענט קענען לאדען מיטגלידער פון רעגירונגס־שטאב און אנדערע געסט, און אז ער זאל דא קענען געניסען פון דער נייער אומגעבונג און זיך קענען גוט אויסרוהען.

„איך האב דא נישט דערמאנט די הויפט־דאמע פון „ווייסען הויז". זי אויך איהר דארף מען נעמען אין בעטראכט. דאס פובליקום פערשטעהט זעהר ווייניג איהרע שווערע פליכטען. און בעגרונצט איהרע אינטערעסען מיט זיין. זי דארף רוהע און איינזאמקייט אזוי גוט ווי דער פרעזידענט, און דארף פיהלען די פרייהייט פון דעם „ווייסען הויז", און די שטענדיגע פליכטען.

„מיט א דריי־פיר יאהר צוריק האט א געוויסער מענש מיט שכל איבערגעלאזען א ירושה פון צוויי הונדערט טויזענד דאלאר, וועלכע דער קאנגרעס האט געדארפט אננעמען. איך האב זיך מיט דעם נישט אפגעגעבען צו יענער צייט. און דער קאנגרעס האט אויך גארנישט געטון. די סומע וואלט געווען גענוג אויף אזא בנין.

„אזא בנין וואלט נישט דווקא געווען א מין זומער „ווייסען הויז", אבער אזא פלאץ עקזיסטירט יא. וואלט די מיר נישט געוואלט פערלאזען וואשינגטאן אזוי פריה און זיך צוריקקעהרען אזוי שפעט. דאס אהעקפאהרען פון ...

(ענדע זעה 5 זייט)

א פרוי האט אים אפגעריסען און א פרוי האט איהם ווידער צוגעקניפט צום יודענטום

א מעשה מיט א שמד און געוויסנסביסען

(ג) נאכדעם זענען ביים לאדזער ראבינאט דורכגעפיהרט געווארען פארמאליטעטען פאר א געוויסען קסאווערי פ., וועלכער איז געבוירען געווארען א יוד, איז געווארען אפטרינניג און האט זיך סוף כל סוף מיישב-געווען צוריקצוקעהרען צום יודענטום. א יונג, שעהן יודיש מיידעל איז געווען דער גורם דערצו.

קסאווערי פ. איז געבוירען געווארען אין 1896 ביי אנ'אנגעזעהענער פעטריקאווער יודישער פאמיליע. אלט-זייענדיג 28 יאהר האט ער זיך פערליבט אין א יונגער קריסטין, א פיאניסטקע פון א קינא אין פעטריקאוו, וועלכע האט איהם אנגערעדט זיך צו שמד'ען. אין יאהר 1924 האט ער זיך געטויפט און האט דורכגעמאכט א באמבאסטישע קריסטליכע חתונה-צערעמאניע, צו להכעיס זיינע ארענטליכע יודישע קרובים.

דאס צוזאמענלעבען צווישען דעם משומד און דער קריסטין איז, ווי דער שמייכער, נישט געווען איבריג גליקליך, מחמת דעם געוויסנס מיוד האט אונ-אויפהערליך געפלאגט זיין יודיש געוויסען און פון דער צווייטער זייט האט די קריסטליכע פרוי זיינע אויף איהם שטענדיג געקוקט מיט אונצופרידען, פיינטגעלדיג איהם מיט פראגען, צו ער האט נישט קיין חרטה אויפ'ן שמד.

כאטש דער משומד האט זיך בעמיהט צו בערוהיגען זיין פרוי, אז ער איז פולשטענדיג צופרידען און גליקליך, פונדעסטוועגען האט ער שפעטערהייט אויסגעקוקט צו האבען מעגליכקייטען צו מאכען א סוף צו זיין נשמה-פלאגעניש.

ענדליך איז געקומען דער ערווארטעטער מאמענט. פון אמעריקא איז גע-קומען קיין פעטריקאוו, נאך א לענגערער אפוועזענהייט זיינע א רייכער פעטער צו-זאמען מיט זיין בולד-שעהנער טאכטער. אריינקומענדיג צו זיינע קרובים האט דער רייכער פ. זיך דערוויסט וועגען דעם טראגישען שריט פונ'ם משומד און ער האט זיך א נדר געטאן אפצוראטעווען דעם „פערלוירענעם יוד". דאס וואלט דעם רייכען פעטער אפשר נישט געלונגען, ווען נישט דער כח פון זיין שעהנער און אינטעלינגענטער טאכטער, וועלכע, בעקענענדיג זיך מיט איהר קוי-זין, האט זי זיך אין איהם פערליבט. דער פעטער האט דערזעהן געהאט די געלעגענהייט צוצוזאגען זיין זוהן צו געבען איהם זיין טאכטער פאר א פרוי, אויב ער וועט צוריק ווערען א יוד.

דער רייכער יוד איז דערום געקומען מיט 2 וואכען צוריק קיין לאדז. דער-ווייל האט פ. געפיהרט אונטערהאנדלונגען מיט זיין קריסטליכער פרוי, אז זי זאל זיך מיט איהם צושיידען פאר א פרייזן פון 3000 דאלאר, וואס זיין רייכער פעטער האט צו דעם צוועק בע-שטימט.

האבענדיג „פרייע הענד" איז אויך דער משומד געקומען קיין לאדז, וואו עס איז לסוף דורכגעפיהרט געווארען די פארמאליטעט פון ווידערקעהרען איהם צו זיין יודישער אפשטאמונג.

קסאווערי איז אזוי ארום ווידער געווארען כתריאל, ווי זיין פאטער האט איהם א נאמען געגעבען מיט 32 יאהר צוריק. דער לאדזער ראבינאט וועט אינ-גיכען דורכפיהרען א יודישע חתונה צווישען כתריאל פ. און זיין שעהנער קוזינקע, וועלכע האט בעפרייט זיין נשמה פון פיין.

וולאדימיר זשאבאטינסקי אין לאדז

היינט קומט קיין לאדז דער בעקאנ-טער פיהרער פון די רעוויזיאניסטען, וולאדימיר זשאבאטינסקי און ער וועט דא לייענען אין „פילהארמאניע" א רע-פעראט א. נ. „וואס איך זעה אין ארץ-ישראל?"

זשאבאטינסקי וואוינט לעצטענס, ווי בעקאנט, אין ירושלים, וואו ער רעדא-גירט די העברעאישע טאג-צייטונג „דאר היום".

זשאבאטינסקי'ס היינטיגע פארלעזונג האט ארויסגערופען א בעזונדערס גרוי-סען אינטערעס. מען איז געשפאנט, ווי פערקוקט זיך דער ענערגישער רעוויזיא-ניסטען-פיהרער אויפ'ן איצטיגען מצב אין ארץ-ישראל ערב דער פינפטער עליה.

פערהיטונגס-מיטלען ביים וואשען די פענסטער

(§) די וואיעוואדזטווא האט בעקו-מען פון אינערן-מיניסטעריום א פער-ארדנונג וועגען פערהיטונגס-מיטלען ביים וואשען די פענסטער פון די הויכע הייזער. לויט דער פעראָרדנונג פאלט די פליכט פון פערוועהען זיך מיט פערהי-טונגס-מיטלען בעת'ן וואשען די פענס-טער נישט בלויז אויף דעם לאקאטאר פון דער וואוינונג, נור אויך אויף די פערזאנען, וואס וואשען די פענסטער. פאר נישט אפהיטען די פעראָרדנונג זענען פארגעזעהען גרויסע שטראפען.

פון פאלקס-אוניווערזיטעט ביי דער ציוניסטישער ארגאניזאציע

די נאהענטסטע פארלעזונגען פון דער פאלקס-אוניווערזיטעט קומען פאר שבת ד. 5. ה. ח.: א) 5 נאכמיטאג ד"ר פרענקעל — אכטע פארלעזונג פון צוקל: „די נייע העברעאישע דיכטונג", ב) 7.30 אווענד אין „בני ציון" אויף רזשנאווסקא גאס — רעפעראט פון ה' מ. קארא, ג) 8 אווענד — פארלעזונג פון מאניסטער שטרויך אין צענטר. יוד. האנדווערקער פערבאנד פון צוקל „געשיכטע פון ציו-ניזם".

פייערליכע אקאדעמיע לכבוד דער א"י-דעלעגאציע פון קרן-קימת

ווי עס איז געווען צו ערווארטען, האט די אקאדעמיע, וואס ווערט איינגעאָר-דענט זונטאג, ד. 6. ה. ח. אין פיל-הארמאניע-זאל לכבוד דער א"י-דעלע-גאציע און אין צוזאמענהאנג מיט דער ערעפנונג פון דער קרויז-קאנפערענץ פון קרן-קימת ארויסגערופען א שטארקען אינטערעס אין די יודיש-נאציאנאלע קרייזען פון אונזער שטאט. די אקאדע-מיע וועט פארקומען פיר א זייגער נאָ-מיטאג. מיט רעדעס וועלען ארויסטרע-טען די מיטגלידער פון דער א"י-דעלע-גאציע: נ. בוסטרוצקי, א. הארצפעלד, הרב ד. קוק און מ. אזרחי.

דער בילעטען-פערקויף צו דער אקא-דעמיע האט זיך שוין אנגעהויבען אין קרן-קימת-ביורא (צעגעלניאנא 4).

די נייע דאקטוירים-קאמער

(ב) אין רעזולטאט פון די וואהלען צום ראט פון דער דאקטוירים-קאמער, איז דער ראט געקליבען געווארען אין פאלגענדען צוזאמענשטעל: אויגסבאר, ראבינלעוויטש, דרעשער, אייכלער, פרענ-קעל, בוניאמין, קלויזענבערג, סגולא-וויצקי, קרושעק, קאשומסקי, לאגונאו-סקי, מאטשעוסקי, מארגאלים, מאר-זשינסקי, מוסיאן, מוטעלשטאם, פער-לים, פרעלנער, רעבניאווסקי, סקישע-ווימש, סמארושינסקי, שטערלונג, שופ-מאן, שיקער, טענענבוים, מאכטערמאן, טאמאשעווסקי, וואטען און וואלפסאן.

—0—

ליקווידאציע פון לאדזער בענק

(§) בשעתו האבען מיר מיטגעטיילט וועגען א פעראָרדנונג פון דער מאכט וועגען טערמין פון פערגרעסערן די גרונד-קאפיטאלען. ווי מיר דערוויסען זיך איצט וועט דער באנק-קאמיסאריאט ביים פינאנץ-מיניסטעריום דורכצופיהרען אין משך פון חודש יאנואר א רעוויזיע אין די לאדזער בענק כדי פעסטצושטע-לען צי די קאפיטאלען פון די בענק זענען פערגרעסערט געווארען. יענע בענק, וואס וועלען נישט האבען פער-גרעסערט זייערע גרונד-קאפיטאלען וועלען ליקווידירט ווערען.

יודישער טעאטער אין פילהארמאניע זאל — נארוטאוויטש 20 —

אונטער דער לייטונג פון א. בעזמאן און א. קאמפאניעץ

מיט'ן אנטייל פון די ליבלינגס-ארטיסטען בארימאווא, ראבינאוויטש און די בעקאנטע פרימאדאנא נאדיא קארעני

פרייטאג ד. 4-טען, 9 אווענד, צום 4-טען מאל די זעהר אויסגעצייכנטע פיעסע מיט 15 נומערן געזאנג, נייע שעהנע טענץ! אויף דער

שונער פון גליק

אין 3 אקטען מיט געזאנג און טענץ פון זילבערג. טענץ שטודירט פון טענצער מיעטשיסלאוו קורגאווסקי.

שבת און זונטאג ווערט נישט געשפילט.

מאנטאג 9 זייגער נידריגע פאפולערע פרייזען. פון 1 ביז 2.50

די פערשעמטע כלה

אין 4 אקטען מיט 20 נומערן געזאנג און טענץ פון סיגאל.

דינסטאג 9 זייגער צו ביליגע פרייזען פון 1—2.50 צום 23 מאל

חלומות פון ליבע

אפערעטע אין 3 אקטען מיט 25 נומערן געזאנג פון ליליען.

די פיעסען זענען רעזשיסירט פון ל. ראבינאוויטש.

אין אלע פיעסען נעמען אנטייל לויט א. ב. פרויען: בעזמאן, בארימאווא, מאכאראווסקא, נערה, פאדערמאן, קאמפאניעץ. מענער: צריעל, איזענבערג, באלבירסקי, האמבורגער, מאכאראווסקי, מאטקאו, נייהויז, פאלאנסקי, ישראל קאמפאניעץ, ראבינאוויטש, ראקאו.

אדמיניסט.—ה. ארנוואלד. מוזיקאלישע לייט.: ל. זעלמאן.

בילעטען צו בעקומען אין קאסע פון טעאטער פילהארמאניע.

אנאנס!! אין פערבערייטונג

דער גאלדענער כאלדאם, צוריק צו מיין פאלק

אין די מלחמה יאר נאָך

אויסשטעלונג פון מאלער ח. כהנא.

דער בעקאנטער לאדזער קינסט-מאלער ח. כהנא האט לעצטענס אויסגעשטעלט א רייה פון זיינע מיטאלא-פלאסטישע ווערק אין לעמבערג. אין די אויסשטעלונג איז אראפ מיט א גרויסען ערפאלג. איצט האלט זיך ה' כהנא אויסצושטע-לען זיינע ווערק אין לאדז, ווארשא, קראקא, לעמבערג און דאן אין פאריז. דער קינסטלער האט לעצטענס געשאפען א רייה בלעהצן אויף עכטע פאלקס-מאטיווען.

קולידזש אליין בעשרייבט זיין פרי-וואט לעבען אין „ווייסען הויז"

(ענדע פון זייט 4.)

שיוואַי אויף א לענגערער צייט אין די זימער-מאנאטען האט א סך חזיונות, כייט מיר האבען לופט-פאסט-פערקעהר צוו עס איז אויך פאראן א שטענדיגע טעלעפאן-פערבינדונג מיט וואשינג-טאן. עס איז זעהר ראציאנאל פאר דעם פרעזידענט צו פערווייליגען אין אנדערע טיילען פון לאנד. אבער א מאנאט אדער וואכען איז גענוג זיך צו בעקע-נען מיהר אדער ווייניגער מיט די גע-ווינטע לאקאלע פראבלעמען פון יענע ערטער.

„עס איז צו האפען, אז די אמערי-קאנער פרעסע קאן שאפען די געוואונש-טע רעזולטאטען אין דעם פראיעקט. איך בין זיכער, אז אויך איהר וועט עס אויפנעמען מיט דער זעלבער קראפט, מיט וועלכער איהר צייכנט זיך אויס, ווען איהר אגיטירט פאר א זאך אין וואס איהר גלויבט, קענט איהר, אהן א צווייפעל, ווערען א וויכטיגער פאקטאר. אויב דאס קאן דערגרייכט ווערען, וועלען די צוקינפטיגע פרעזידענטען און די הויפט-דאמען פון „ווייסען הויז" האבען א סך אורזאכען אייך צו דאנ-קען, און איהר וועט האבען די בעפרי-דיגונג, וואס ביי אייער פופציג-יאהריגען יום-טוב איז אייך געגעבען געווארען א געלעגענהייט צו לייסטען אנ'אמת'ען דינסט אונזער לאנד.

„זעהר ערגעבען אייער,
קאלווין קולידזש".

זיך געפונען

אריגינעלער ראמאן פון דער נייער יודישער תקופה

פון י. ל. ליפשיץ

(פארטזעצונג.)

— אבער ווער איז די בעסטע געשיקטעסטע שטיינקלאפערקע אין ארץ ישראל? מיין שטילענקע מאנסביל! — האט דאס פולבאקיגע מיידעל געלאכט.

— איהר זעהט, חבר שווארצקאפ! — האט זי התלהבות'דיג אויסגערופען, — איבער נאכט. זענען אט די געצעלטען בעשאפען געווארען, און איבער א טאג, און די בערג האבען זיך אויפגעכאפט פון זייער טיפען צוויי טויזענד יאהריגען שלאף זיי האבען בריים פונאנדער געעפענט זייערע אויגען און מיט פערוואונדערונג גע-קוקט אויף אונז, מיט אונזערע ניין מאס רעד, טומעל און קלאפעריי, האבען מיר געשטערט זיי די באריגע רוה. מיר האבען אויפגעדעקט זייערע אדערען, און מיט אונזערע ווייבערישע שארפע נעגעל, פלאמערען מיר זיך אריין אין זייער ריזען קערפער. און די ווייסע פעלדער הויבען אן צו ווערען פערשווארצט, און די ערד ליגט אנטקעגען הימעל און ציטערט פאר פרייד און שלינגענדיג די דימענטענע בעשיינענדיגע רעגענס טראפען.

דער איינגעהילטער סוד, וואס האט געמאכט פון דער פרוי „וואס ציהט צו און שטויסט אפ" „בערוהיגט און רעגט אויף" „ליבט און טיראניזירט" איז ביי אונז נישטא. דא איז די פרוי קודם כל א חבר'טע אין דער ארבייט, אין טאגטעגליכען קאמף אין טאגטעגליכען בויען, ביי דער ארבייט בעגעגענען מיר זיך יעדע שעה און יעדע רגע, אין אלע אומשטענדען.

דא זענען נישטא קיין „ווייבער" אלס א בעזונדער קלאס. דא לעבט די פרוי „דעם גאנצען לעבען", אין דער גאנצער גרויסקייט, פולקייט, קלייניקייט און קליינ-ליכקייטען. מיר אלע, מענער און פרויען, שטעהען דא בלויז, אפענע פאר דער נאטור, פאר די ערשטע עלעמענטען פנים אל פנים. קערפער צו קערפער. ס'איז נישטא קיין שום אויסערליכע פערשלייערונג, קיין שום מחיצה צווישען אונז...

אפען בולט און שארף-שפיציג וועבט זיך אונזער לעבען, און ס'וועבען זיך בעציהונגען פון אונזער לעבען. שווערע ארבייט בייטאג, שווערער קאנצענטרירטער ערנסט אין דער אוונט-רוח. און דאס איז אונזער טייל אין לעבען.

אונזערע בעציהונגען איינע צו די אנדערע, זענען אפענע, עהרליכע, און קלארע, סיי פאר גאט, סיי פאר לייט.

כשר'ע אויפריכטיגע בעציהונגען, הויכע אידעאלע שטרעבונגען און אייזער-נער ווילען, האט זיך בעגעגענט מיט שטיינערנער נאטור, און זיי שארפען, און זיי שאפען איינע די אנדערע, און זיי שלייפען זיך געגענזייטיג. שטענדיגער קאמף און שטענדיגער נצחון.

און דאס איז דאך לעבען! און מיר זענען גליקליך! מיר ארבייטען מיט דעם מאראלישען בעוואוסטזיין, אז יעדער מענש איז מחויב צו ארבייטען, טון ממשות'-דיגע ארבייט. אפזאגען זיך פון עקספלואטירען וועמען עס איז, און וועלכער עס איז פארם. מיר שמידען יענע היסטארישע קרעפטען, וואס וועלען שאפען א גערעכ-טע געזעלשאפט, וועלכע וועט זיך דערנעהרען פון איהר אייגענע ארבייט, וואו איינעמס וועלט וועט נישט געבויט ווערען אויף דעם חורבן פון דעם צווייטענס. וואו „הילף" וועט זיך נישט אנרופען „נדבה", נאר פליכט.

אמת, שווער איז אונזער וועג, לאנג און דארנענדיג, דאס איז אבער דער איין-איינציגער אמת'ער וועג פאר אונזער נע ונד'ישער פאלק און פאר דער גאנ-צער מענשהייט. אייער „רויטער-וועג", וואס איז כלומר'שט ניי, אייער „רויטע מלוכה", וואס וויל בויען א נייע וועלט, געהען אויף א פאלשען וועג, זיי ווילען אויפבויען א וועלט אויפ'ן חשבון פון אנדערע חורבנות.

ווען זי האט געענדיגט רעדען, האט איהר שווארצקאפ געדריקט די האנד און זי געפרעגט:

— ווי אין אייער נאמען?

— מיין נאמען איז „גאולה" — האט זי שטאלץ געענטפערט.

— איהר זייט ווערט צו טראגען דעם שעהנעם „גאולה-נאמען" — האט ער בעגייסטערט געזאגט. — א פאלק, וואס פערמאגט אזעלכע בראווע טעכטער, דארף קיין מורא נישט האבען פאר די גרעסטע שטורעמס. אזא פאלק איז אומבעזיגבאר. און אז האויל איז צו אונז, וואס מיר זענען דאס פאלק.

די ארץ ישראל'דיגע קאמוניסטען האבען בשום אופן נישט ערווארט צו הע-רען פון שווארצקאפ'ן אזעלכע ווערטער. זיי האבען ערווארט צו הערען פון זיין מויל עפעס א שטיקעל פון לעניג'ס תורה, און זיי האבען שוין אפילו צוגעגרייט פאר איהם ארץ ישראל פולווער, אבער, ווי ס'זעהט אויס, איז ער גאר א משלנו'-דיגער.

די בחירים מיט די מערלעך, האבען געבעטען שווארצקאפ'ן, ער זאל זיי דערצעהלען, ווי ס'לעבען איצט די יודען אונטער דער רויטער מלוכה, און בכלל אין גאנץ אייראפא.

שווארצקאפ האט געענטפערט:

— גוט, כ'וועל אייך איבערגעבען א גרוס פון אונזערע ברידער פון דער רויטער מדינה, זאל טאקע די מאמע ציון, הערען פון איהרע קינדער. נאר א פרי-הער שטעלט ארום א שטארקע וואך פון שומרים ארום אייער קבוצה. און לאזט אויסער בעקאנטע חברים קיינעם נישט אריין. פרעגט נישט קיין קשיות, וואָרום?

ס'איז געווארען שטיל, די לבנה האט בעשיינט די בערג, די געצעלטען, די חלוצים און חלוצות, און שווארצקאפ האט אנגעהויבען רעדען און דערצעהלען:

— איהר הילט, מיינע טייערע חברים, הערען א גרוס פון די יודען אין סאוועט-רוסלאנד. דער גרוס וועט אבער זיין זעהר א טרויעריגער:

כמעט די גאנצע יודישע בעפעלקערונג אין דער רויטער מדינה איז אנ'ערד בעטלער. דאס עס איז א געזעצליכער פעול-יוצא פון גאנצען סאוויעטישען סיסטעם כמעט אלע יודען בעשטעהען פון דעם קלאס, „בורזשואזיע" „דעקלאסירטער עלעמענט", דער שעיר לעזאזל, אדער דער קרבן חטאת, ווייל מיר פערמאגען נישט אזא מין יחוס בריף פון דער סאכע, אדער פאבריק, און מיר מוזען אוועקגעשטעלט ווערען מחוץ למחנה, אויסער דער געזעלשאפט. אבער ס'איז געזעצליך, ווייל די רויטע מלוכה האט דאך כלומר'שט דורכגעפיהרט די פולע יודישע גלייכבערעכטי-גונג, און קעמפט געגען אנטיסעמיטיזם. מען בעשטראפט אפילו פאר דעם אויסרע-דען דאס ווארט „זשיד", אבער אוועקצוטרייבען כמעט ביי אלע יודען די עלעמענ-טארסטע מענשען-רעכט, דערויף איז דאך פאראן א בפירוש'ער דין אין רויטען „שלחן ערוך", דאס איז שוין געזעצליך...

און נאך פון א פלאג האבען די יודען אויסשטעהן, פון וועלכע די ארומיגע בעפעלקערונג ווייס כלל נישט; די רוסען, די אוקראינער און אנדערע האבען אי-בער זיך בלויז די אלגעמיינע מלוכה ארגאנען; אבער די יודען מוזען נאך ליידען דעם פערקריפעלטען הויקער, וואס טראגט דעם נאמען „יעווסעק", וואס איז געבוי-רען געווארען פונ'ם שעהנעם חלום צו בעפרידיגען אונזער נאציאנאלע בעדערפ-נישען נאך איידער די דעמאקראטישע פרייהייט איז פערבאלשעוויסטעט געווא-רען. אט דער „גלות הויקער" איז אנ'איינענארטיגע בריאה, וואס קיין אומה ולשון אין דער רויטער מדינה פערמאגט עס נישט.

מ'יט אומגעלומפערטע טפשות בעווייזען דעם רוסישען פובליקום, ווי שאווי-ניסטיש בלוטדורשטיג די יודישע רעליגיע איז. די יודישע חדרים, תלמוד תורות און אז. וו.

אלעס ארום איז געווארען שטיל, פפעס ווי א טויטער אומעט האלט אלעמען בעהערשט. ווי ווייסע געצעלטען וואלטען געווען מתים שטיבלעך, און די חלוצים טויטע שאטענס.

שושנה האט ארויפגעלעגט איהר האנד אויף שווארצקאפ'ס שולטער און האט מיט א בטחון-קול אויסגעשריגען:

— ערוואכט! איהר בראווע קינדער פון ישראל! דער ים האט אונז נישט פערשלונגען, דאס פייער גישט פערברענט, דער קראקאדיל האט אונז נישט אפ-איינגעשלונגען און די רויטע וועלען אונז נישט פערשלינגען! שטאלץ לאמיר אויפ-הויבען די קעפ' — און א הילכיגער „הידד" האט פערטריבען די שטילקייט.

(דאס ווייטערע קומט)

PORADNIA WENEROLOGICZNA
פון דאקטוירים ספעציאליסטען
זאוואדזקא 1.
נאך פאר ווענערישע הויט-קראנקהייטען און מענער-שוועכע אנאליזען פון בלוט און אויספלוס אויף סיפיליס און טריפער קאנסיליומס מיט ספעציאליסטען פון אוראלאגישע און נערווען-קראנקהייטען.
קווארצ-לאמפע-עלעקטרישער היילקאבינעט-קאסמעטיק
טעטיג פון 8 א זייגער ביז 9 אוונט
זונטאג פון 9 פריה ביז 2 נאכמיטאג
באזונדער ווארטע צימער פאר פרויען
וויזיט 3 זלאטעס

„דבר"
עתון פועלי ארץ ישראל
תל-אביב ת. ד. 199 Tel-Aviv P. O. B. 199
חשבון מיוחד בפ. ק. א. 191,300.
דמי החתימה לחודש — 10 זהוב.
לחברי תנועת א"י העובדת על כל אגפיה ומפלגותיה — ול„תרבות" — מוריה ומוסדותיה — הנחה, פרטים במרכזים.

מעכאנישע שלאסעריי און שווייסעריי
J. Reder, Łódź
Konstantynowska 11 róg Zachodniej
כ'נעהם אן פערשידענע מאשינען-רעפאראטורען ווי צוגאסען פער-שידענע מאשינען-טיילן. און אויטאגענישע שווייסונגען.
שנעל און ביליג!
בעמ.: פריוואט-וואוינונג גדאנסקא 20 ח. 17.

היפאטעקען-געלד
צו ביליגע צינזען
אויף בערלינער הייזער
בעזארגט שנעל
Ch. Regenwetter
Berlin S. 14, Stallschreiber № 33
Telefon: Dönhoff 4337.

ערשט ערשינען!
ישראל ראבאן.
היגטערן פלויט פון דער וועלט
לידער. — פרייז 2 זל.
ישראל ראבאן.
די גאס
ראמאן פון גרויסשטעטישען לעבען.
פרייז 7 זלאטעס.
צו באקומען ביי:
Wydawnictwo Sz. Goldfarba, Warszawa, Szczęśliwa 3
אין לאדז (בוכהאנדלונג „קולטורא" פיעטריקאווער 50
(בוכהאנדלונג ש. בערלינסקי, אלטשטאט 12.

א בילאנס פעהיגער
בוכהאלטער
קארעספאנדענט (פויליש, דייטש, ענגליש) זוכט א שטענדיגען עווענטועל צייטווייליגען פאסטען. אפערטען אפצוגעבען אין אדמיניסטראציע פון „לאדזער טאגעבלאט" אונטער „Z".

Achtung!
20 Zł. tägl. Verdienst!
Infolge grosser Nachfrage unserer Holzspielwaren werden noch 50—100 Heimarbeiter gesucht. Leichte Beschäftigung zu Hause. Für Damen und Herren jeden Standes, interessant für Jung und Alt. Bewerbungen mit Rückporto an die Holz- und Spielwarenfabrik Anton Zenkaer, Katharinberg № 12 Erzgeb C'sl Rep.

ערשט ערשינען
אין פערלאג פ. גראובארד, ווארשא
„אמא" און היינט"
זאמלונג היסטארישע ערצעהלונגען און בעארבייטע לעגענדעס פון נאהענטען און ווייטערן עבר.
פון חיים לעווין.
הויפט-פערקויף
קאאפעראטיוו „ביכער" און „קולטור-ליגע" ווארשא

שרייבען
שעהן און שנעל
לערנט אויס דער בעריהמטער
קאליגראף ל. בערמאן
אין 15 לעקציעס. אויך ווערט געלערנט
נוס א יודישען בריף דעם וואס קען
תרגישט. זאוואדזקא 10 פרנ' ס

אל תתהלל ביום מחר
כי לא תדע מה ילד יום
לייג נישט אפ אויף מארגען
נאר אז דו דארפסט ערלעדיגען סאנדירונג זאכען זאלסטו גלייך קומען צו לויפען אין בירא
פיעטריקאווער 17
פ. זאכאדניא 52
וואו ס'ווערט ערלעדיגט און געוויסענהאפט געשריבען לויט'ן איסטאזו אלערליי הייזער, קלאיזעס, זאבעזפיעטשעניעס אויף אלע שטע-אי פויטען, אפעלאציעס, ציווילע און קארנע אפאזיציעס, אדוואלאניעס, רעקורסען וועגען דירה אין אורזשאנד-ראזיעמטשי, וועגן פעסטער אין קאמיסאריאט-רושאנדו און אלע פאליצי-בעצירקען, אקטען אינטערציזיעס, אקטען דא-ראווי נעס קארנע ספראוועס, ווי אויך איבער זעצונגען אין אלע שפראכען. ספעציאליסט אין שיתפות-אקטען. מיט אכטונג
י. מאנעלא רעכט-קאנסולענט

ליי-ביבליאטעק
א. נ. א. אייזענשלאס
פאלודניאווא 11, לינקס אפיצינע 3 שטאק
די ליי-ביבליאטעק איז טעטיג טעגליך חוץ זונטאג פון 6—9 אוונט, שבת פון 10—1 און 6—9 אוונט.

Zjednoczone Fabryki Maszyn
„UNIA"
dawn. C. Plumwe i Syn, Sp. Akc
BYDGOSZCZ-WILCZAK
די עלטסטע אין פוילען ספעציעל-מאשינען-פאבריק
ליפערט אלס ספעציאליטעט:
קאמפלעטע איינריכטונגען
פאר האלץ-בעארבייטונג.
מיט אנפראגען זיך צו ווענדען צום פערטרעטער:
Inżynier G. Praszkier,
Łódź, Zawadzka 16a
Tel. 27-52.

שווין ערשינען
א. אייזענשלאס
משיח בן יוסף
יודיש רחמנות און יצחק קצב
— פרייז 25 גר. —
צו בעקומען ביי אלע צייטונגס-פערקויפער.

OBRAZY
okazyjnie tanio do sprzedania. Wiadomość Piotrkowska № 238, w podwórzu, parter, m. 7.

עלמסטער פעלדשער
מ. ראזענצווייג
וואכאדניא 29
טעל. 18-79.

וויכטיג פאר דאמען!
פאר נאר 2.50 זל.
מאכע איך די עלעגאנטסטע דאמען-היטע נאך דער לעצטער פאריזער מאדע און די עלטעסטע היטע איבער-ארבייטע איך אויף גענצליך ניי. געדענקט די אדרעס: זאוואדזקא 23 אין הויף. 2-טען איינגאנג, לינקס פארטער. פערזעהען מיט די שענסטע מאדעלען פון דער לעצטער נייהייט און א שעהנער אויסוואהל פון פערשידענע פערטיגע היטען אויף לאגער.
„TOLA"

ספרים
קויף איך פאר אמעריקא. אפערטען אין אדמינ. אונטער „R. L." 6668

א בשורה
פאר אלע ליבהאבער פון יודישע פאלקס-מעשיות.
די טויזענדער לעזער פון באליבטען פאלקס-שריי-בער אלתר איוזענשלאס געדענקען נאך געוויס זיינע הארציגע ערצעהלונגען פון אלטען יודישען לעבען, מעשיות, פון וועלכע עס זעהן זיך ארויס די גוטע יודישע מידות, ווי: רחמנות, סבלנות און יושר. אט די אלע בחנ'טע יודישע פאלקס-מעשיות און לעגענדעס וועלען איניכבען זיך בעווייזען אויפ'ן ביכער-מארק. יעדען פרייטאג וועט ערשיינען א ביכעל פון 16 זייטען מיט 3 אדער 4 מעשיות. יעדעס ביכעל וועט איינגאנ-צע' קאסטען 25 גראשען. אויב איהר ווילט האבען א אמוזירענדען שבת, קויפט אזא ביכעל. יעדעס ביכעל איז א גאנצע זאך פאר זיך. אויב איהר וועט זאמלען די ביכלעך וועט איהר דער-נאך האבען א שעהן גרויס בוך. אינפארמאציעס צו בעקומען ביי די יורשים פון א. איזענשלאס לאדז, פאלודניאווא 11, הויף לינקס דריטער שטאק אין דער ליי-ביבליאטעק. 425

לעטשניצע
17 זגערסקא 17, טעל. 16-??.
אלערליי קראנקהייטען הערען עמפאנגען דורך ספעציאליסטען דאקטוירים פון 9 פריה ביז 6 אוונט. — ציינער, אלעקטריזאציע, פאקען-שטעלען, קינסטליכע בערגזאן-ליכט-בעשטראלונגען אימפינגען געגען שקאר לאטינע.

דרוקזאכן
אלערליי
ווערען שנעל, און פראמפט אין דער פיינסטער אויס-פיהרונג און די מאדערנסטע שריפט אויסגעפערטיגט.
קלעפסידרעס
(טאדעס-אנצייגען)
ווערען אין פערלויף פון 2 שעה געדרוקט און אויסגעקלעפט איבער דער גאנצער שטאט.
בוכדרוקעריי
ע. און מ. האמבורסקי
פיעטריקאווער 16, טעל. 47.

[illegible]
לאדזער
טאגעבלאט
[illegible]
„רוח"
(„Ruch")

וועגען אויסקויפען אויפ'ן יאהר 1929
האנדעלס-פאטענטען
3-טע קאטעגאריע אנשטאט 2-טע
אינפארמירט און שרייבט דאס ביורא
„ארגוס" זאכאדניא 36
דער טערמין איז נאר ביז'ן 31 ד. ח.

געדענקט צו אבאנירען דאס
„לאדזער טאגעבלאט"
אויפ'ן יאהר 1929.

אבאנאמענטס-פרייז: פאר א חודש אין פוילען 6 זל., אין פראנקרייך און בעל-גיען—20 פראנק, אין אנדערע לענדער—1,25 דאלאר. אנאנסען-פרייז: פאר א מילימעטער-שורה פערין טעקסט 18 גראשען, פרעמדע 24, אין טעקסט 40 גר., פרעמדע 60 גר., נאכ'ן 25 גר., פרעמדע 18 גר. פאר אויסלענדישע אנאנסען 100% טייערער. אויפער דער שטאט—מיט 50% טייערער. פון די פרעזן ווערט נישט ארגענעמען קיין ראבאט.
Redaktor-wydawca E. Hamburski
Tłocznia: E. i M. Hamburskich w Łodzi, Piotrkowska 16.